ישראל טראנק

# אַלפרעד אַדלער

דער מענטש און זיין לערע



אלפרעד אדלער

1

פרעמיע צו די „ליטעראַרישע בלעטער"
1938 וואַרשע

ישראל טראנק

# אַלפרעד אַדלער

## דער מענטש און זיין לערע

פארלאג „ליטעראַרישע בלעטער“

1938 וואַרשע

Printed in Poland

Izrael Trank

ALFRED ADLER

Wyd. „Literarisze Bleter“

געזעצט: „וווקאַגראַף“, ווארשע, סאָלנע 17. טעל. 11.63.24.
Druk. „Grafia“, Nowolipki 7.

# אינהאלט:


אַלפרעד אַדלער . . . . . . . . . . 5
געמיינשאַפט - געפיל . . . . . . . . . 16
איינהייט און ציל . . . . . . . . . . 24
מינדערוווערטיקייט־געפיל און דאָס שטרעבן שטאַרק צו זיין 30
אָרגאַנישע מינדערוווערטיקייט . . . . . . . 36
ירושהדיקייט און באַגאַבונג . . . . . . . 43
דאָס מיליע : . . . . . . . . . 48
די משפחה - קאָנסטעלאַציע . . . . . . . 51
דער לעבנס - דריי - ווינקל . . . . . . . 56
I. אַרבעט און באַרוף
II. ליבע
III. די באַציונג צום „דו״
נייראָז און פסיכאָז . . . . . . . . . 70
דער וועג אין דער געמיינזאַמקייט . . . . . . 78
I. דערציונג
II. הייל - פעדאַגאָגיק
III. פסיכאָטעראַפיע
שלוס - וואָרט. . . . . . . . . . 91
אינדיווידואַל - פסיכאָלאָגישע ליטעראַטור - פאַרצייכניש. . 95



אַלפרעד אַדלער

## אַלפרעד אדלער

Wir bringen keine absolute Wahrheit, aber wir tun alles, was menschlicher Geist tun kann: Wir führen von grösseren Irrtümern auf kleinere zurück.

### I

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז ענג צונויפגעבונדן און צונויפגעוואַקסן מיט דער פּערזענלעכקייט פון אַלפרעד אַדלער. ער איז נישט נאָר דער גרינדער, דער שעפער פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, ער איז אַליין די פאַרקערפּערונג פון זיין לערע, דער פּראָדוקט פון זיין שאַפונג. ער טראָגט אין זיך אירע גרויסע סאָציאַל־עטישע ווערטן. דורך זיך אַליין האָט ער באַוויזן די ווירקונגס־קראַפט פון זיין טעאָריע. ער איז געווען דער ערשטער פּאַציענט, וואָס איז דורך דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע געהיילט געוואָרן. דער וועג פון באַפרייען דעם מענטש פון ליידן פון דער ניוראָז איז געגאַנגען דורך אים, דורך זיין אייגן לעבן. אָט ער, איז דער אייגנטלעכער „העלד" פון זיינע ווערק. זיין יוגנט־בוך „שטודיע איבער דער מינדערווערטיקייט פון אָרגאַנען" איז דאָס בוך פון דער מלחמה מיט זיך אַליין.

אַדלער איז געבוירן דעם 7 פעברואַר 1870 אין אַ קליין הייזל אין אַן עק פון אַ ווינער פאָרשטאָט, אין צענטער פון ווינער דלות. ער איז געווען אַ קראַנק, שוואַך, ראַכיטיש קינד. די אָרעמע על־טערן האָבן קיין צייט נישט געהאַט אויף אים זיך אַרומצוקוקן און

מיט אים זיך אָפצוגעבן. ער האָט אויך פון זיי ווייניק־וואָס פאַר־לאַנגט. קיין גרויסער שטוב־זיצער איז ער נישט געווען. אים האָבן געלאָקט די גאַס, די לאָנקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן נישט ווייט פון דעם הייזל. דאָרטן אויף דער גאַס האָט ער געטראָפן חברים — שטאַרקערע, געזונטערע, פלינקערע פון אים. אָבער דער קליינער, קראַנקער אַלפרעד ווערט ביי זיך נישט געפאַלן, ווערט נישט קליין אין די אייגענע אויגן. ער ווייס: דאָ אויף דער גאַס האָט קיינער קיין דרך־ארץ נישט פאַר זיין קראַנקייט, דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר שוואַך זיין. ווען עס איז נויטיק, מוז מען קענען אויך רעכט זיך אויסקעמפן, מוז מען קענען אויך חברשאַפט שליסן און סאָלי־דאַריש לעבן, נאָר נישט אונטערגעבן זיך! „שוועריקייטן זענען דאָ, כדי מען זאָל זיי בייקומען. דער עיקר: מען טאָר נישט זיין קיין פּחדן״.

זיין גאַנצע קינדהייט איז געווען איין לאַנגע קייט פון גע־לונגענע קאָמפּענסאַציעס. שוין אויף דער שול־באַנק האָט ער גע־וויזן זיין לערער פון מאַטעמאַטיק, אַז דער עיקר איז מוט, גלויבן, זעלבסט־צוטרוי און נישט באַגאַבונג. די נעגאַטיווע פאָלגן פון דער „באַגאַבונגס־לעגענדע״, האָט ער געפילט אויף זיין אייגענער הויט. ער איז נישט געוואָרן אַנטמוטיקט, געפאַלן ביי זיך, צוליב דעם גזר פון זיין לערער, אַז ער איז נישט פעאיק צו מאַטעמאַטיק, ווייל ער איז געגאַנגען אויפן וועג פון טאַט, פון מעשים, און וואָס איז דען טאַט, אויב נישט מוט במעשה?

מ׳קאָן זאָגן, אַז די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע עיקרים, וואָס אַדלער האָט שפּעטער אַנטוויקלט און פאַרטיפט, האָט ער שוין געלערנט אין זיין זעקסטן לעבנס־יאָר. די גאַס האָט אים פיל גע־געבן. זי איז געווען זיין ערשטע פאָרשונגס־לאַבאָראַטאָריע. דער לעבעדיקער, צאַפּלדיקער נערוו פון דער גאַס לאָזט זיך פילן אין זיין לערע. זיין ערשטע מענטשנקענטשאַפט האָט ער דערוואָרבן אַלס טיפּיש ווינער גאַסן־יינגל. „מיין גאַסן־יינגלשער קאַריערע — שרייבט אַדלער, — האָב איך פיל צו פאַרדאַנקען. אין גאַס האָב איך דערוואָרבן אַ סך מענטשנקענטעניש, וואָס איז מיר שפּעטער צונוץ געקומען אין מיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן״.

אַדלער איז געווען דער טיפּישער מענטש פון פאָלק. ער האָט גערעדט אין ווינער פאָלקס־דיאַלעקט. זיין לערע איז אַרויסגעוואַקסן פון די סאַמע טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה. ער שרייבט אַליין: „די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז אַרויסגעוואַקסן פון געזונטן פאָלקס־חוש און זי גיט צוריק דעם פאָלק דאָס, וואָס זי האָט פון אים גענומען אין אַן אויסגעלייטערטער פאָרם״. זיין האַרץ האָט תמיד געכוואַליעט מיט ליבע פאַר אַלע „דערנידעריקטע און באַליידיקטע״. די ביטערע נויט פון אָרעמען פאָלק האָט ער דערקענט, בשעת ער איז געקראָכן, אַלס סטודענט אויף די פאַרחושכטע גאָרנס לערנען מיט די אָרעמע און ליידנדיקע. אומעטום האָט ער אַריינגעטראָגן דאָס ליכט פון גלויבן. נאָר נישט פאַרצווייפלען! דאָס לעבן איז נישט אַזוי שיין און ראָזיק, ווי מיר מיינען. עס איז אָבער נישט אַזוי טריב און דערשלאָגן, ווי אַ טייל דאַכט זיך אויס.

אַדלער האָט נישט פאַרשפּרייט זיין לערע פון דער אוניווערזיטעט־קאַטעדרע, צווישן דער גייסטיקער עליטע. ווער עס האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט זיין לערע, איז געגאַנגען אין די פאָלקסהיימען, פאָלקס־שולן, אין די באַראַטונגס־ווינקלען. דאָרטן צווישן די „קליינטשיקע״ האָט אַדלער פאַרשפּרייט זיין ליכט, דעם „פּאַטאָס פון דער געמיינשאַפט״.

ווער עס האָט אַדלערן אַמאָל געהערט רעדן, דער פאַרשטייט זיין ווירקונגס־קראַפט. ער פלעגט רעדן וועגן גאַנץ פּשוטע „באַנאַלע״ זאַכן: וועגן דעם פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון מאַן און ווייב, וועגן קינדער־דערציונג, וועגן באַרוף, אַרבעט, חתונה. אין אָט די אַלע פּשוטע, וואָכעדיקע זאַכן גיט ער אַריין פּאַטאָס, דערהויבנקייט, שבתדיקייט. ער האָט פאַרמאָגט די זעלטענע פעאיקייט אויסצודריקן דאָס טיפסטע אין דער איינפאַכסטער פאָרם. אויך זיין אויסערלעכקייט איז געווען באַשיידן און פּשוט. עס האָט אים געפעלט דאָס הדרת־פּנימדיקע, וואָס מיר זענען געוווינט צו זען ביי גרויסע, ביי אויטאָריטעטן. ער איז געווען ווייט פון פּאָזעריי און געקינסטלקייט. ער איז געווען דער מענטש, וואָס האָט מוותר געווען אויף אויסערלעכע אַפעקטן.

אַ פעסט געבויטער מאַן מיט אַ פּאָר דיקלעכע וואָנסעס, ווי

מען קאָן טרעפן אויף יעדן טריט אין די ווינער גאַסן. אייגנטימלעך איז געווען דער שאַרפער און צוגלייך גוטמוטיקער בליק פון די גרויע אויגן, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער די ברילן. אַדורכ־גענומען ווערן פון אַדלערס בליק הייסט: פון אים דערקאַנט ווערן, מען איז מיט אַדלערן באַפריינדעט געוואָרן באַלד ביים ערשטן געשפּרעך. ער האָט פאַרמאָגט דעם כוח איבערצוצייגן דעם צווייפ־לער, צו דערמוטיקן דעם מוטלאָזן, צו דערהויבן דעם דערנידע־ריקטן. דער מענטש האָט אין זיך געטראָגן אוצרות פון מוט! צו באַ־ווונדערן איז געווען זיין קאָנטאַקט־פעאיקייט אינם אומגיין מיט מענטשן. די קונסט פון אומגיין מיט מענטשן האָט זעלטן ווער אַזוי באַזיצט ווי אַדלער. ער פלעגט קיינמאָל נישט זאָגן צו אַ מענטשן: „האָסט די זאַך נישט גוט געמאַכט״, נאָר: „האָסט גע־קענט די זאַך בעסער מאַכן״.

ער האָט געקענט דער נשמהס אַלע אויסדרוקס־פאָרמען, אַלע אירע תלי־תלים קנייטשלעך און אונטערגענגלעך. ער האָט תופס געווען אַ מענטשן לויט דעם, ווי אַזוי יענער דערלאַנגט די האַנט, ווי אַזוי יענער באַגריסט זיך, ווי ער זעצט זיך. די גרעסטע לעבנס־חכמות פלעגט ער אַרויסזאָגן מיט געמיטלעכקייט און געזונטן הומאָר. זיין איראָניע איז געווען שפּיזיק, אָבער נישט קאַלט. קיי־נער האָט זיך נישט געפילט פון איר געטראָפן, דערנידעריקט. ער איז אויך געווען דער גרויסער דעמאַסקירער. ער האָט געהאַט הנאה פון אויפדעקן די „טריקן״ פון זיינע פּאַציענטן, ווי אַ קונסט־קריטיקער האָט הנאה ביי דער קונסט־ אַנאַליזע. ער האָט זיך דע־לעקטירט מיט דער „לאָגיק״ פון דעם נישט לאָגישן, מיט דעם „זין״ פון דעם אומזין.

אַדלערס אַ פּאַציענט, אַ מעלאַנכאָליקער קלאָגט ביטער מיט אַ פאַרדעכטיקער, איבערגעטריבנקייט אויפן טויט פון זיינס אַן אַמאָליקן פריינט, איצטער אַ פיינט. נאָך דעם, ווי ער האָט עטלע־כע מאָל איבערגעחזרט דעם באַוויינענדיקן שפּרוך, רופט זיך אַדלער צו אים אָן: „בראַוואָ! אַ מצווה אויף אים. איר קאָנט אייך גאָרנישט זעטיקן מיט דעם טרויער. דורך דעם דאָזיקן איידעלן אופן ווילט איר, אפנים, תמיד זיך דערמאָנען, אַז אייער פיינט איז

ווירקלעך טויט און איר זייט דער זיגער!'' אַדלער האָט דעמאַסקירט דעם מעלאַנכאָליקער און אַנטדעקט, אַז די מעלאַנכאָליע איז אַן אַגרעסיווער פסיכאָז. „די מעלאַנכאָלישע אָנפאַלן און אויסברוכן זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי פאַרהילטע כּעס־אָנפאַלן''. אויב פּסיכאָז איז אַ סימבאָלישער זעלבסטמאָרד, זענען די מעלאַנכאָלישע אָנפאַלן פאַרבאַהאַלטענע ווונטשן דעם קעגנער צו טויטן. ווי זאָגט פלאָבער: „יעדער זעלבסטמאָרד איז גלייכצייטיק אַ טויטשלאָג''.

אַדלערס פאָרם פון דעמאַסקירונג דערמאָנט סאָקראַטעסעס דיאַלעקטיק. אויך סאָקראַטעס האָט אין אַ צעריסענעם מאַנטל געקאָנט זען נישט עניוות נאָר גאווה, הכנעה איז טיילמאָל אַ סימן פון אייטלקייט. ווי סאָקראַטעס, ווייזט אונז אַדלער, אַז יעדע זאַך טראָגט אין זיך איר היפּך.

אַדלער איז דער מייסטער פון דיאַלאָג. דער, וואָס וועט לייענען זיינע געשפּרעכן מיט די פּאַציענטן און מיט די קינדער אין די דערציונגס־ווינקלען, וועט נתפעל ווערן פון דער חריפות, וואָס שפּרודלט פון איטלעכן זאַץ. נישט איין דראַמאַטיקער מעג אים מקנא זיין מיט דער פערלדיקער קורצקייט פון די אַפאָריזמען, וואָס זענען צעוואָרפן איבער אַלע זיינע ווערק. זיי דערמאָנען אין לאַראָשפוקאָס מאַקסימען. פון לאַראָשפוקאָן האָט טאַקע אַדלער אַ סך געלערנט. ער באַצייכנט אים ווי דעם גרעסטן מענטשנקענער. גרויס איז אָבער דער מהלך צווישן זיי ביידן. דער מענטשנקענער לאַראָשפוקאָ און דער מענטשנקענער אַדלער — ביידע זענען אַריין אין „פּרדס'' פון דער מענטשלעכער נשמה, ביידע האָבן דאָרט געזען עגאָיזם, קליינמוטיקייט, פאַלשקייט, שלעכטס. מיט לאַראָשפוקאָן איז אָבער געשען די געשיכטע פון „הציץ ונפגע''. ער האָט אַמאָל „אַריינגעקוקט אין דער נשמה פון אַ גוטן מענטשן, איז געוואָרן דערשיטערט און האָט שוין מורא געהאַט צוצורירן זיך צו אַ שלעכטן מענטשן''. פון יעדן אַפאָריזם זיינעם בלאָזט טרייסטלאָזער פּעסימיזם, ער האָט די מענטשן־ווערדע צעטראָטן מיט די פיס, ווי שטויב. דער מענטשקענער אַדלער איז אַרויס „בשלום''. ער האָט אַדורכגעשפּיזט די נשמה פון אַ שלעכטן מענטשן און נישט גע־

וואָרן דערשיטערט, ער האָט נישט באַקומען קיין „קאָפּ־שווינדל״, ווי לאַראָשפוקאָ. ער איז נישט געוואָרן קיין איראָניקער, קיין מענטשן־פאַראַכטער, נאָר פאַרקערט, אַרויסגעטראָגן מוט, גלויבן אינם מענטש.

אַדלער האָט נישט געפּראַוועט קיין מענטשנקענטשאַפט לשם שיינגייסטיקייט, ווי לאַראָפושקאָ און פרידריך ניטשע.

זיי האָבן „געטריבן״ מענטשנקענטשאַפט און גלייכצייטיק אַנטלאָפן פון מענטש. אונטערן פייגן־בלעטל פון זייער מענטשנ־קענטעניש האָט אַרויסגעקוקט די באַהאַלטענע שנאה צום מענטש און אויסבאַהאַלטן זייער אייגענע שוואַכקייט. זייער מענטשנקענט־שאַפט איז ווייניק מענטשלעך, אַבסטראַקט, מען פילט דעם בראַוואָ־אויסגעשריי אונטער יעדער אַנטדעקונג זייערער. זיי האָבן מער אויסגעטייטשט, אינטערפּרעטירט, ווי געזען. יעדע באַמערקונג זייערע איז סאַמע דין, אָן פיצל רחמים. אַדלערס מענטשנקענט־שאַפט איז באַפרייט פון די דאָזיקע אַפעקטן. ער זעט אומעטום דעם מענטש און נישט זיין נמשל, זיין אויסערלעכע מאַסקע. ער איז געווען דער, וואָס האָט אַנטדעקט פאַר אונז דעם ניירראָטישן מענטשן. ביז אַדלערן האָבן מיר בלויז געקענט זיינע סימפּטאָמען, אָבער נישט אים אַליין. ליינענדיק די ווערק פון אַנדערע פסיכאָ־לאָגן, איז זיך שווער צו מאַכן אַ בילד פון דעם ניירראָטישן מענטשן. מיר באַקומען דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן אויטאָמאַט געצויגן אויף „פאַרדרענגונגס־ און „קאָמפּלעקסן־שטריקלעך״, ער מאַכט אויף אונז אַן אומהיימלעכן איינדרוק. עפּעס אַ ווייטער קרוב פון דעם אַלטן גרייז־גראָען גריכישן מלך עדיפּ האָט זיך פאַרוואַל־גערט צו אונז.

אַדלערס שאַרפזיניקייט, זיין אויסגעקלינגלטע דיאַלעקטיק אַנטפּלעקט זיך אין איר גאַנצער רחבותדיקייט, אין זיין „נעגאַטי־וויסטישער מעטאָדע״. ער דערפירט דעם מענטשן ביז דעם סאַמע לעצטן שטאַפּל פון אַבסורד און אַנטבלויזט אים ביז דער טיפסטער אינערלעכקייט, ער באַווייזט אים, אַז זיין גאַנצער מוראדיקער „יצר הרע״ (דער ניירראָז), איז נישט מער, ווי אַ „פליג״, פון וועלכער ער לאָזט זיך פירן בלינדערהייט. דער מענטש דערזעט

דעם אייגענעם תהום. אַדלער גיט אים די בחירה אין דער דער האַנט אַריין און מאַכט דעם גייסטיקן־כירורגישן קייזערשניט. אַ אומבאַהאָלפענער גרימאַס באַווייזט זיך אויף די לעפצן פון דעם גייראָטישן מענטשן. דער דערזעט פלוצלונג פאַר זיך זיין גאַנצן נייראָטישן בנין צעשטויבט פאַר די פיס ליגן. נישטאָ ווו זיך אויסצובאַהאַלטן. „וואָס זאָל איך טון?“ „טו, ווי דו פאַרשטייסט“ — קלינגט דער קאַלטער שניידיקער ענטפער אַדלערס. סוף־כל־סוף וועט ער טרעפן דעם וועג. אַדלער האָט שוין אים געוויזן.

צו דעם אַלעם פאָדערט זיך גרויס־שוישפּילערישער טאַלאַנט. אַדלער איז דער ווירטואָז צווישן די זעעלן־היילער. ער אַליין האַלט זיך פאַר אַ קינסטלער. „די פסיכאָטעראַפּיע איז אַ קינסטלערישער באַרוף“, „די לייסטונג פון דער מעלאַנכאָליע, דאַכט זיך מיר, איז אַ קונסט־ווערק. נאָר דער שעפערישער באַוווסטזיין פעלט אין איר“. אַדלער איז דער מענטשנקענער־קינסטלער.

## II

אין אַן אַרבעט איבער אַדלערן איז שווער נישט צו באַרירן דאָס פּראָבלעם: פרויד־אַדלער.

דער ענין איז אַ דעליקאַטער און אַן ערנסטער. די גאַנצע „Chronique scandaleuse“ אַרום דעם ענין באַדאַרף אויסגעמיטן ווערן.

אין יאָר 1914 איז דערשינען אַ בוך פון פרוידן: „צור געשיכטע דער פסיכאָאַנאַליטישן באַוועגונג“. פרויד רעכנט זיך דאָרט אָפּ מיט די „אָפּטריניקע“, די „מורדים“: אַדלער, יונג. ער ווייזט אָן, אַז אַדלער האָט כלומרשט קיין שום נייעס נישט געזאָגט, אַ חוץ וואָס ער האָט דאָרטן „אַ קליין ביסעלע“ צוגעשטייערט צו דער „איך“־טעאָריע. פרויד פאַרגעסט אויך נישט אַדלערן פּערזענלעך אָנצוגרייפן. ער וואַרפט אים פאָר, אַז דער פּערזענלעכער מאָטיוו פון זיין אַרבעט איז קרענקלעכער ערגייץ. אַדלער זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט אויף אַ דיסקוסיע־אָוונט אין קעגנוואַרט פון אַ פאָר

קאָלעגן צו פרוידן: „גלויבט איר, אַז עס איז אַן אַנגענעמע זאַך דאָס גאַנצע לעבן צו שטיין אין אייער שאָטן?“

פרויד וויל אַדלערן אַנאַליזירן און שלאָגן מיט זיין אייגענער לערע.

זאָל מיר דער מייסטער פרויד מוחל־זיין. אין זיין באַמערקונג שטעקט אַ חוץ אַ קליין ביסל בייזקייט אויך אַ קאַפּיטשקע אויבנ־אויפיקייט. טאַקע, אין יעדער גרויסער לייסטונג, אין יעדער אמתדיקער טאַט איז בנמצא אַביסל ערגייץ. וואָס זאָלן מיר נעבעך טון, אַזוי איז שוין דער סדר־העולם. איינס איז אָבער קלאָר: אַז די פּירות, וואָס די לייסטונגען ברענגען, זאָגן עדות, וויפיל שמינית־שבשמינית ערגייץ עס געפינט זיך אין זיי. פון בלויזן ערגייץ, איז דאַכט זיך, נאָך נישט געבוירן געוואָרן קיין שום וואָגיקע לייסטונג. אַלפרעד אַדלערס לערע איז אַ לעבעדיקער עדות, ווי וויניק גראַד דער ערגייץ איז געווען דער שעפערישער אימפּולס. אַדלער האָט זיין ערגייץ איבערגעוואונדן דורך דעם, וואָס ער איז געוואָרן דער גרעסטער דעמאַסקירער פון מענטשלעכן ערגייץ.

ס׳וועט קיינער נישט לייקענען, אַז אַדלער האָט פיל געלערנט פון פרוידן, ער האָט פון אים באַקומען ווערטפולע אָנרעגונגען. שווער זיך פאָרצושטעלן אַדלערס לערע אָן. פרוידס „פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון טאָג־טעגלעכן לעבן“ און אָן זיין „טרוימענדייטונג“. אָן פרוידס אַרבעט אויפן געביט פון פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע וואָלט גאָר־נישט מעגלעך געווען קיין אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע. אַדלער האָט אָבער תמיד געהאַט אַן אַנדערן קוק, אַנדערש געזען ווי פרויד אַפילו דאַמאָלס, ווען זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט. יעדער זעט נישט נאָר דאָס, וואָס ער וויל זען, נאָר אויך דאָס, וואָס איז אים אַמנאָענטסטן, וואָס אָנטשפּרעכט דעם פּסיכאָלאָגישן אייגנאַרט פון זיין טעמפּעראַמענט.

פרויד זעט דעם מענטש אין זיין באַציונג, אין זיין אָפּהענגיקייט פון די אָביעקטן. פאָטער און מוטער שפּילן אַ גרויסע ראָלע, דאָן די באַציונג פון אנאַליטיקער צו זיין פּאַציענט, די אַזוי־גערופענע „איבערטראָגונג“. פאַר פרוידן האָבן די אָביעקטן די גרעסטע באַדייטונג. זיי אַליין באַזיצן דעם דעטערמינירנדיקן כּוח.

אַדלער, ווידער, זעט אַ מינדערווערטיקן סוביעקט מיט „פּראָ־טעסטן" און טריקן, און מאַכט־שטרעבונג, וועלכער טרעט אַרויס קעגן עלטערן, דערציער, אויטאָריטעטן. אויף אים, אויפן סוביעקט, שטעלט אַדלער דעם טראָפּ.

געוויס זעען ביידע פאַרשער דעם סוביעקט און זיין באַציונג צום אָביעקט, — אָבער פאַרשידן זעען זיי אָט די באַציונג! די דאָזיקע פאַרשידנקייט פון זען איז געוויס אַ פועל־יוצא פון טעמ־פעראַמענטן־אונטערשיד. ק. ג. יונג האָט געמאַכט אַ פּרווו פרוידן און אַדלערן צו טיפּיזירן. פרוידן האָט ער אָנגעקלעפּט די מאַרקע פון „עקסטראַווערטירטן" טיפּ און אַדלערן אַלס דעם „אינטראָ־ווערטירטן" טיפּ. די טיפּיזירונג יונגס הינקט אָבער אַ קליין ביסל אונטער (ווי זיין „צד־השוה" צווישן פרוידן און וואַגנערן, און צווישן אַדלערן און ניטשען). זיין טיפּן־לערע לאָזט זיך גאַנץ ניש־קשהדיק אָנווענדן אויף די טעאָריעס, אָבער אָנווענדן זי לגבי די פּערזאָנען איז אַ ריזיקאַלישער און ווילקירלעכער ענין.

פרויד איז דער קריגערישער אַריסטאָקראַט, דער אינדיווידואַ־ליסט, דער פּראָבלעמאַטישער מענטש. זיין לערע, ווי זיין פּערזענ־לעכקייט איז פול מיט נישט־געלעזטער פּראָבלעמאַטיק.

ביי אַדלערן איז אַלץ פאַרענטפערט. ער קומט אונז אַנטקעגן מיט אַ פאַרטיקער לעזונג (אַ סך מאָל האָבן אַדלערן געמאָלן, און עס איז זיי נישט געלונגען, ווייל זיי האָבן אים געמאָלן אַלס דעם פּראָבלעמאַטישן מענטש, דאָס וואָס אַדלער איז נישט). אַדלער איז דער גאָט־געבענטשטער אָפּטימיסט, זיין אַנטוויקלונגס־ליניע איז גראַדע נישט קיין זיג־זאַגיקע, ווי די פרוידישע. ער גלויבט — און פרויד צווייפלט.

פרויד איז געקומען די וועלט דערשיטערן, אָנגרייפן אונזער פּסיכישע גלייכגעוויכט. „פּסיכאָאַנאַליז איז דער מעטאָדישער צווייפל אין דער זעלבסט - פאַרשטענדלעכקייט פון אייגענעם באַוווסטזיין". אַדלער איז רעליגיעז. ער איז געקומען שטאַרקן און דערמוטיקן. נישט דורך צווייפל וועסטו דעראָבערן דעם גלויבן. דע־ראָבערן איז טאַט, און די וועלט פון טאַט געהער דעם מוטיקן און גלויביקן.

אַ העכערע רואיקייט שוועבט איבער אַדלערס ווערק, אַ רואי־קייט, וואָס מיר געפינען נאָר ביי אַ סענעקן, ביי אַ מאַרק אוירעל־יוס. גייסט אַוועק פון אַדלערס אַ בוך — באַקומסטו דרך־ארץ פאַרן מענטש, פאַר דיר אַליין. דאָס שלעכטע איז נאָר אַ טעות, פאַלשע לעבנס־אָריענטאַציע.

עקצע האָמאָ! ביסט עפּעס מער ווי אַ שפּילעכל פון „בלינדע טריבן"! מער ווי עפּעס אַ „צווישן ־ זאַך" פון קערפּער און גייסט! דו קאָנסט זיין אַלץ, ווייל דו טראָגסט אין זיך די אחריות פאַר אַלעמען און פאַר זיך אַליין!

אַדלערס לערע פאַרמאָגט נישט דעם פעסטן אַרכיטעקטאָנישן בוי. זי איז פּראָסט, מאָסיוו, אָרעם אין שווער־וואָגיקע טערמינען. ביים לייענען אַדלערן איז נישט נויטיק קיין ווערטער־בוך. אַלץ באַקאַנטע ווערטער, אויסדרוקן פון לעבן גענומען. אין דער גאַנצער אַדלערישער לערע קאָן מען אפשר געפינען אַ צוויי, דריי ניי־גע־שאַפענע וויסנשאַפטלעכע טערמינען. זי פאַרמאָגט דערפאַר דעם עיקר: דעם צויבער פון אמתן גלויבן.

אַדלער איז דער סאָציאַל־דערציער, דער סאָציאַל־עטיקער. ער ווייזט אונז דעם מענטשן אויפן וועג פון אַ מינדערווערט — צו אַן איבערווערט. זיין לערע איז כמעט נאָרמאַטיוו, אַ זיטן־לערע אַ מין פּסיכישע אָרטאָפּעדיע.

דער מענטש באַדאַרף אויסגעהיילט און באַפרייט ווערן פון זיינעליידן. צו־וואָס באַדאַרף דער מענטש וויסן פונוואַנען שטאַ־מען זיינע ליידן, די סימפּטאָמען און ווי אַזוי דריקן זיי זיך אויס. גענוג, אַז דער מענטש ליידט.

בודאַ האָט אַמאָל געזען, ווי צוויי מענטשן שטייען ביי אַ שטערבלעך־פאַרוואונדעטן מענטשן און זענען זיך מפלפל וועגן דעם, פון וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן די פייל, וואָס שטעקט אין פאַרוואונדעטנס האַרץ: פון קופּער צי פון מעש. און בודאַ האָט אויס־געשריגן: „אין מענטשנס האַרץ שטעקט אַ פייל — און איר זענט אייך מפלפל! נעמט ראשית אַרויס די פייל! פון וואָס זי איז גע־מאַכט וועלן מיר שפּעטער זען".

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע וועלט־אָנשויונג איז אַ הע־

ראָיש אָפּטימיסטישע. פּראַגמענטאַריש געפינט זיך שוין די דאָזי־קע וועלט־אָנשויונג אין יעדער גרויסער עטיק און רעליגיע. איר וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג איז דאָס גרויסע פאַרדינסט פון אַלפרעד אַדלער — דער „פילאָזאָפיע־אַרצט״, וועגן וועלכן ניטשע האָט געאַנט און געחלומט.

## דאָס געמיינשאַפטס-געפיל

איינע פון די גרונט־פּראָבלעמען פון יעדער פּסיכאָלאָגישער באַטראַכטונג איז די פראַגע: וועלכע זענען דאָס די כּוחות, וואָס געשטאַלטיקן דאָס מענטשלעכע לעבן אַזוי און נישט אַנדערש? וועלכע זענען דאָס די קרעפטן, וואָס פאָרמען אויס דעם מענטשלעכן כאַראַקטער און באַאיינפלוסן זיינע מעשים און טאַטן? די אינדי־ווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אַלפרעד אַדלערס ענטפערט: די געמיינ־שאַפט. דער כּוח פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן העמערט אויס דעם כאַראַקטער און צייכנט אָן די לעבנס־ליניע פון יעדן יחיד און די־ריגירט מיט די מעשים און געפילן פון דעם מענטש.

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז נישט באַקאַנט קיין איין לעבנס־פאָרם, אין וועלכער דער מענטש זאָל אַמאָל האָבן געלעבט איזאָלירט, יחידיש, אָפּגעשלאָסן. תּמיד ווען מיר פאַלן אויף זיינע שפּורן, טרעפן מיר אים אין דער האָרדע, אין דער מחנה פון זיינס־גלייכן. ער געהערט צו די ברואים, וועלכע קאָנען נישט עקזיסטירן אָן אַן ענגן צוזאַמענבונד און צוזאַמענשלוס מיט זיינס־גלייכן.

די נאַטור האָט דעם מענטשן שטיפמוטעריש באַהאַנדלט: נישט באַשאָנקען מיט דעם כּוח אַליין זיך צו קאָנען אַן עצה געבן אין לעבן, נישט באַוואָפנט מיט די הילפס־מיטלען, מיט וועלכע די חיות זענען אַזוי רייך און פאַרשידנאַרטיק אויסגעשטייערט אין קאַמף פאַר זייער קיום. דער מענטש איז די הילפלאָזטע באַשעפע־

גיש אין גאָר דער וועלט. די ביטערע קיום־נויט האָט דעם מענטשן, פונקט ווי אַלע אַנדערע בעלי־חיים, אַריינגעפירט אין דעם קרייז פון דער חברותא און געניייט אים צו פאַרבינדן זיין גורל מיטן גורל פון קאָלעקטיוו.

זייט די פאַרנעפלטע אור־צייטן פירט דער מענטש אַ קאָלעקטיוו לעבן. נאָך פאַרן יחיד האָט עקזיסטירט דער כלל. דער „מיר" איז עלטער, ווי דער „איך". יעדער שפאַן ערד, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן אויף די פעלדער פון קולטור און ציוויליזאַציע, איז נאָר געווען מעגלעך מיט בשותּפותדיקע כּוחות. דורך דעם גאַנצן כּלל. די פאָרטשריטן אין דער טעכניק זענען נאָר געמאָלט אין דער געמיינזאַמקייט, ווייל יעדע טעכנישע דעראָבערונג איז געבויט אויפן סמך פון פריערדיקע דערפינדונגען. איין דערפינדונג איז אַ המשך, אַ פאָרטזעצונג פון די פריערדיקע. פאָרטזעצונגען קאָנען נאָר געמאָלט זיין דאָרטן, וווּ עס איז פאַראַן קאָנטינואיטעט. קאָנטינואיטעט איז נאָר מעגלעך אין קיבוץ, אין דער געמיינשאַפט. ווען נישט אַ גרויסער קרייז מענטשן, וואָס זענען געוואָרן די טרעגער פון זיין דערפינדונג, וואָלט יעדער דערפינדער מיטגענומען מיט זיך זיין סוד אין קבר אַריין. אַלץ, וואָס דער מענטשלעכער גייסט שאַפט און טוט, מוז ערשט אַדורכגיין דורך פייער־פּראָבע פון דער געמיינזאַמקייט. מען טאָר נישט פאַרטוישן ווּעסטאָנס בעהעוויאָריסטישע מיליע־טעאָריע מיט דעם אַדלערישן באַגריף געמיינשאַפט. פאַר ווּעסטאָנען איז די סביבה דעצידירנד, זי חתמט דעם שיקזאַל פון מענטש. די אומגעבונג, די סביבה איז דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר. מען מוז אָבער געדענקען, אַז אַ חוץ דער אומגעבונג זענען בנמצא אויך אַנדערע פאַקטאָרן, וועלכע באַאיינפלוסן דעם גאַנג־אַרט פון מענטש. גענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז רעלאַטיוו גלייכע איינדרוקן און איבערלעבענישן ווערן דורך פאַרשיידענע יחידים גאַנץ אַנדערש אויפגענומען און אַסימילירט. דער מענטש רעאַגירט נישט נאָר בלויז אויף דער אויסערלעכער וועלט. ער נעמט אויך אָן אַ שטעלונג צו איר, ער גיט אויך אָן ענטפער אויף די לעבנס־פראַגן און פּראָבלעמען, ער איז אַקטיוו און נישט פּאַסיוו. וואָס פאַראַ שטעלונג דער אינדיוויד נעמט

אָן לגבי דער אומגעבונג, לגבי דער געמיינשאַפט, איז אָפּהענגיק פון די איבערלעבענישן, איינדרוקן, פאָרשטעלונגען, וואָס ער איז מקבל פון דער דרויסנדיקער וועלט, אָבער נישט פון דער רעאַלער אומוועלט, נאָר פון דער, וועלכע דערשיינט סוביעקטיוו. פאַר דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער איז נישט אַנטשיידן און דעצי־דירנדיק דער איינפלוס פון דער אַרומיקער סביבה, נאָר די שטע־לונג, וואָס דער מענטש נעמט אָן לגבי איר. ערשט דורך דער אימאַנענטער באַציונג צו דער דרויסנדיקער וועלט, וועלכע דריקט זיך אויס אין געהאָרכזאַמקייט, אין טראָץ, אין נעגירן, אין אָנער־קענען, העמערט זיך אויס דער מענטשלעכער כאַראַקטער. אין צענטער פון אַלע אונזערע באַמיאונגען און פאָרשונגען שטייט דער מענטש און נישט די סביבה און די באַדינגונגען. די איינצי־קע פראַגע, וואָס מיר שטעלן תמיד בעת מיר אַנאַליזירן די מענטשלעכע נשמה, איז: וועלכע איז די שטעלונג פון מענטש צו דער דרויסנדיקער וועלט?

דער דראַנג צוצופאַסן זיך איינצורעמען זיך אין דער אומוועלט ווערט רעפּרעזענטיר׳ט דורך דעם געמיינשאַפטס־געפיל, וואָס וואָרצלט טיף אין יעדן יחיד. דאָס געמיינשאַפטס־געפיל איז איינגעבוירן אין אונז, זייט מיליאָנען יאָרן איינגעוועבט און איינגעלעבט אין מוח־סטרוקטור פון יעדן יחיד. דאָס דאָזיקע גע־פיל איז אַן אָפּגלאַנץ פון דעם קאָסמישן, וואָס לעבט אין אונז און גיט יעדן אינדיוויד די מעגלעכקייט און פעיקייט איינצופילן זיך אין זאַכן, וואָס ליגן מחוץ פון אים. דאָס דאָזיקע איינגעבוירענע געפיל מוז ערשט אַנטוויקלט ווערן אין מענטש, כדי ער זאָל קאָנען ווערן אַ מיט־שפּילער אין כאָר פון דער מיט־מענטשלעכ־קייט, אַ גוטער מיטגליד אין מענטשלעכן קיבוץ. ווערט אָבער דאָס געפיל דורך פעלערהאַפטער דערציונג אונטערדריקט, דראָט אַ גע־פאַר, אַז דאָס איינגעבוירענע סאָציאַלע געפיל זאָל גאָר דורכן מענטש אויסגעניצט ווערן צו קעגנערישע צוועקן, אינטערצומינעווען די געמיינזאַמקייט, אויסנוצן דאָס סאָציאַלע געפיל, כדי צו שע־דיקן די סאָציאַלע איינריכטונגען.

די שפּורן פון דעם סאָציאַלן געפיל לאָזן זיך שוין באַמערקן

אין דעם ערשטן שמייכל, וואָס דאָס זויג־קינד שענקט זיין מוטער. שענקען און געבן באַדייט פאַרן קינד: מצמצם זיין דעם אייגענעם „איך״, דעם סוביעקט און מאַכן אַן אָרט פאַר דעם „דו״, פאַר דער געמיינשאַפט (פאַרן קינד איז די גאַנצע וועלט ער אַליין). דורכן געבן און שענקען פאַרלירט דאָס קינד די דרויסן־וועלט אַלס אייגנטום, און אַלס שכר געפינט דאָס קינד די געמיינזאַמ־קייט און אַנטדעקט זיך אַליין. דורך דעם „דו״ קומט עס צום „איך״. די קעגנזייטיקייט פון געבן און נעמען שניידט ערשט איבער ביים קינד די גייסטיקע נאַפּל־שנור, מעקט אויס פון זיין פּסיכישער סטרוקטור דאָס פּאַראַזיטישע און מאַכט אים מוכשר פאַר דעם סימביאָזע־לעבן — פאַר דער געמיינשאַפט.

שווער איז צו געפינען אַ פּאַסיקע דעפיניציע פאַר דעם גע־מיינשאַפטס־געפיל, ווייל דאָס געפיל איז „דאָס לעבן אַליין״ (אַדלער). עס לאָזט זיך נאָר דעפינירן בקירוב: „מיט די אויגן פון אַ צווייטן צו זען, מיט די אויערן פון אַ צווייטן צו הערן, מיטן האַרץ פון צווייטן צו פילן״. די דערקלערונג שטימט טיילווייז מיט דעם, וואָס מיר רופן אַן אידענטיפיקאַציע־„איינפילונג״ (ליפּס). די אידענטיפיקאַציע־פעיקייט קאָן נאָר אַנטוויקלט ווערן אין די ראַמען פון קיבוץ, ווו דער „דו״ מיטן „איך״ קרייצן זיך אַדורך, אויף דער שויס פון דער מיט־מענטשלעכקייט. אַ מיט־מענטש זיין הייסט: זיך פילן אַלס טייל פון אַ גאַנצקייט, האָבן דאָס באַוווסטזיין פון צוזאַמענגעהעריקייט, פון מיט־שייכותדי־קייט. זיך פילן היימיש אין לעבן. און דער עיקר געדענקען, אַז נישט נאָר די תענוגים פון לעבן געהערן אויסשליסלעך צו מיר, נאָר איך בין אויך אַ שותף צו די אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס דאָס לעבן גיט צו פאַרזוכן. דער, אָבער, וואָס טראַכט תמיד נאָר, וועגן הערשן, וועגן דער ראָלע, וואָס ער באַדאַרף שפילן אין מענטשלעכן קיבוץ, דער איז אַ שלעכטער מיט־שפילער, אַ נעבן־מענטש, זיין טאָן איז אַ פאַלשער אינם כאָר פון דער מיט־מענטש־לעכקייט. דער, וואָס קאָן קיין שמייכל דעם צווייטן נישט שענקען, דער זעט נאָר אַרום זיך פאַרשטיינערטע פּנימער, דער, וואָס פילט זיך נישט צוגעבונדן מיט אַ קשר של קימא, צו דער געמיינשאַפט,

דער, דעזערטירט גלייך פון לעבנס־פראָנט, ביי די קלענסטע שוועריקייטן, וואָס ער טרעפט אָן אויף זיין לעבנס־וועג און דאָרטן, וווּ מען קאָן נישט שאָקלען מיטן קאָפּ גלייך, ווייזט מען דעם אונטערשטן טייל פון קאָפּ.

דער גרעסטער טייל פון די גרויס־שטעטישע מענטשן פון אונזער צייט זענען פאַרצערטלטע בני יחידישע קינדער, וועלכע זענען געוווינט זייער גליק און צופרידנקייט צו מעסטן מיט דער מתּנה־מאָס, פון באַקומען געשאָנקען. פאַר דעם דאָזיקן לעבנס־טעות באַצאָלן מיליאָנען מענטשן מיט דער מטבע פון אומגליקן און פון פּיין. דער, וואָס וויל נאָר רק נעמען און נישט געבן, דער שעפּט תּמיד אין לעבן מיט לעכערדיקע שעפּן, און זיינע הענט גאָפּטלען תּמיד לעערקייט, און דער טעם פון נישט־זאַטקייט ליגט אים שטענדיק אין מויל. אַלע קעגן אים, ער קעגן אַלע. אַלע באַנעמען זיך לגבי אים, פּונקט, ווי ער לגבי אַנדערע. נאָר דער קאָן זיך פילן צופרידן מיט זיך און מיט דעם לעבן, דער, וואָס זוכט באַפרידיקונגען אין לייסטן און שאַפן פאַר דער מיט־מענטשלעכקייט, פאַר דער אַלגעמיינקייט. דער, וואָס לייסטעט פאַר דער געמיינשאַפט, דער לייסטעט פאַר זיך. לייסטן סאָציאַל הייסט: דער ווילן עפּעס צו טון, צוצושטייערן און נישט אין זינען האָבן דערביי, וואָס מען וועט דערפאַר באַקומען. דריי הויפּט־אויפגאַבן שטעלט די מענטשלעכע געמיינשאַפט יעדן יחיד צו לעזן. פון דער דאָזיקער לעזונג איז אָפּהענגיק דאָס גליק פון מענטש. די דריי אויפגאַבן זענען: 1) די פראַגע פון אַרבעט און באַרוף; 2) די עראָטישע אויפגאַבע; 3) די באַציונג צום „דו“.

די דריי אויפגאַבן נעמען כּמעט אַרום דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן מיט אַלע זיינע ווונטשן און באַגערן. כּמעט יעדעס מענטשלעכע ליידן, יעדע מענטשלעכע טרער פליסט אַרויס פון די שוועריקייטן און מוכשולים, וואָס דער מענטש טרעפט אָן ביים לעזן די דאָזיקע דריי לעבנס־אויפגאַבן. דער כּוח גובר צו זיין די לעבנס־שוועריקייטן קוואַלט נישט אַרויס פון די פעיקייטן פון דעם יחיד און נישט פון זיין אינטעליגענץ (מענטשן מיט גרויסע קוואַליטעטן ווערן נישט געשטרויכלט, און אַנדערע מיט

מצומצמדיקע פעיקייטן זענען מצליח), נאָר פון דעם גרויסן רעזערוואַר, וואָס הייסט געמיינשאַפטס־געפיל, וואָס שטאַרקער און טיפער דאָס דאָזיקע געפיל איז איינגעוואָרצלט אין מענטש, אַלס טרעפלעכער און געלונגענער לעזט ער די לעבנס אויפגאַבן, אַלס מער צופרידנקייט געפינט ער אין לעבן, אַלס האַר־מאָנישער און איינהייטלעכער איז זיין כאַראַקטער.

דאָס קריטעריום צו געוויסע מעשים און האַנדלונגען שטייען אין איינקלאַנג מיט די שפּיל־כּללים פון דער מיט־מענטשלעכקייט, איז די זאַכלעכקייט. זאַכלעך האַנדלען הייסט: זען אַלע זאַכן דורך דער פּריזמע פון דער געמיינזאַמקייט. זען די שייכותן צווישן די זאַכן, ווי זיי זענען באמת. ד. ה.: באַ־פרייט פון די אוממיטלבאַרסטע אייגענע אינטערעסן. דער עגאָ־צענטריקער פעלשט די ווירקלעכקייט און מאָלט אויס ריזן־גרויס יעדע קלענסטע געפאַר און הייסט זען אויך דאָרטן געפאַרן, ווו זיי זענען לגמרי נישט בנמצא. נאָר דער, וואָס איז באַפרייט פון עגאָ־צענטריזם און פילט זיך פאַרבונדן מיט דער געמיינזאַמקייט, קאָן לאָגיש דענקען, ווייל ער קאָן זיך מודה־זיין אין באַגאַנגענע פעלערן און נישט שטרויספויגליש פאַרבאַהאַלטן זיינע טעותים. איבער־דעם געלונגט אים אויסצוגעפינען זיינע דענק־פעלערן און האָט דעם מוט צו אַנערקענען דעם אָביעקטיוון אמת, נישט לייגנדיק קיין אַכט, ווי ביטער און אומאַנגענעם ער איז.

דער עגאָצענטריקער קאָן זיין אינטעליגענט אָבער נישט פאַר־נונפטיק. נאָר אַזאַ אינטעליגענץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם געמיינשאַפט־געפיל, הייסט פאַרנונפט. אינטעליגענט קאָנען אויך זיין אַלע אומסאָציאַלע אינדיווידואומס, אַלע מינוס־וואַריאַנטן פון מענטשלעכן מין אָבער נישט פאַר־נונפטיק. „פאַרנונפט איז דאָס, וואָס איז אַלגעמיינגילטיק“ (אַדלער). דער עגאָצענטרישער מענטש אַנטלויפט פון אחריות. ער האַנדלט נישט פאַראַנטוואָרטלעך. נאָר דער האַנדלט פאַראַנט־וואָרטלעך, ווער עס האַנדלט אין איינקלאַנג מיט דער מיט־מענטש־לעכקייט. יעדער עגאָצענטריקער וואַרפט תמיד דאָס אחריות־פעקל

אין דער שויס פון שיקזאַל און פאַטום. די מאָס, דער גראַד, וויפל איינער פאַרמאָגט געמיינשאַפט־געפיל, איז די קאָנטאַקט־פעיקייט. דאָס קענען לייכט שליסן און אָנבינדן דעם אמתן קאָנטאַקט מיט די מיט־מענטשן. אַרויסווייזן אַ וואַרעמען אינטערעס פאַר דעם צווייטן, זיין גרייט צו העלפן דעם אַנדערן, איינפילן זיך אין יענעמס נויטן און פריידן. עס לאָזט זיך לייכט אונטערשיידן דאָס אמתדיקע געמיינשאַפט־געפיל פון דעם פאַלשן. גענאַרן קאָן מען נאָר זיך אַליין. דאָס לעבן ווייס נישט פון קיין „אַנטשולדיקונגען". דריי מאָל ווי דעם, וואָס טרעט אַרויס קעגן דער „לאָגיק פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן". דאָס לעבן איז זיך ביטער נוקם. די פעלשער פון דעם געמיינשאַפט־געפיל באַקומען דירעקט אַן ענטפער פון לעבן אין דער פאָרם פון מיסדערפאָלגן און ליידן. דערפאָלגן און מיסדערפאָלגן זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַן ענטפער פון דער מענטשלעכער געמיינשאַפט, אויף דער שלעכטער, פעלערהאַפטער לעזונג פון די לעבנס־אויפגאַבן און התחייבותן. דער אָבער, וואָס פילט זיך פאַרבונדן מיט דער געמיינזאַמקייט, דער וועט טראָץ נויט און פיין נישט גיין צום גרונט. ווי כישוף־פייערלעך ווינקען אים אַנטקעגן: מוט, גלויבן, אויסדויער. זיין צוזאַמענגעהעריקייטס־געפיל מיט דעם לעבן, מיט דער מיט־מענטשלעכקייט גיט אים כוח בשלום צוצושווימען צום לעבנס־ברעג.

מען דאַרף נישט פאַרטוישן דעם אַדלערישן באַגריף געמיינשאַפט־געפיל מיט די סאָציאָלאָגישע מיליע־טעאָריעס, וועלכע פּרעדיקן, אַז דער אינדיווידו באַדאַרף זיך אויפלעזן און פאַרשווינדן אין דער געמיינזאַמקייט. די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע שטעלט נאָר העכער די סאָציאַלע נאָרמען איבער די יחידישע, און דאָרטן, וווּ עס אַנטשטייט אַ קאָנפליקט צווישן דער געמיינשאַפט און יחיד, באַדאַרף דער קאָנפליקט דערליידיקט ווערן לטובת דער געמיינשאַפט.

אונטערן באַגריף געמיינשאַפט־געפיל באַדאַרף אויך נישט פאַרשטאַנען ווערן דאָס געפיל פון צוגעהעריקייט, צוגעבונדנקייט צו אַ באַשטימטער מענטשן־גרופּע. דער באַגריף געמיינשאַפט־

געפיל באַציט זיך נישט נאָר צו געוויסע אָביעקטן. ער נעמט אַרום אַלע מענטשן אָן אונטערשיד. דאָס געמיינשאַפט־געפיל איז דער העכסטער אויסדרוק פון דער שטעלונג פון מענטש צום לעבן.

## איינהייט און ציל

דער מענטש איז נישט קיין פּאַסיוו ווערקצייג אין דער האַנט פון דער דרויסנדיקער אָביעקטן־וועלט. נישט די אָביעקטן האָבן דעם דעטערמינירנדיקן כּוח, נאָר דער סוביעקט, וועלכער געשטאַלטיקט און פאָרמט אויס דעם „דרויסן", דער סוביעקט רעאַגירט, פּראָטעסטירט נעמט אָן אַ שטעלונג צו דער דרויסנדיקער אָביעקטן־וועלט. ערשט אין דער שטעלונג צום אָביעקט (סביבה) אַנטפּלעקט זיך די פּערזענלעכקייט, בויט זיך אויס דער כאַראַקטער פון מענטש. די שטעלונג צום „דרויסן", צו דער געמיינשאַפט איז די געשטאַלטנדיקע קראַפט, וועלכע שטופּט דעם יחיד אין אַ געוויסער ריכטונג און דיקטירט דאָס פאַרהאַלטן זיך און באַנעמען זיך.

די הנחה: אַז דער כאַראַקטער, די גאַנצע פּערזענלעכקייט פון מענטש, דריקט זיך אויס אין דער שטעלונג, וואָס ער פאַרנעמט לגבי דער סביבה, קאָן אַנדערש נישט ווערן אָנגענומען, סיידן מיר שטעלן זיך אויף דעם טעלעאָלאָגישן באָדן, אַז דאָס מענטשלעכע פּסיכישע לעבן איז פינאַליסטיש אָריענטירט, אַז אַלע מענטשלעכע מעשים ווערן געלענקט דורך אַן אימאַנענטן ציל. ערשט דער פּערזענלעכער ציל דיקטירט יעדן יחיד וואָס פאַראַ שטעלונג ער האָט אָנצונעמען לגבי דער אומוועלט. דער פינאַליזם איז איינער פון די הויפּט - יסודות פון דער אינדיווידואַל - פּסיכאָלאָגיע. כּדי אויסצומיידן מיספאַרשטייעניש, מוז ווערן באַמערקט, אַז דער אַדלערישער פינאַליזם איז בעיקר אַ דענק - פאָרם. ער שליסט נישט אויס די קאַוזאַליטעט פון וועלט - געשעען. מען קאָן גאַנץ גוט אָננעמען

דעם פינאַליזם אַלס דענק־פאָרם און דערבײַ זײַן אַן אָנהענגער פון דער קאַוזאַליטעט אין די פראַגן פון קאָסמאָס און וועלט געשעענ.*)

דער פינאַליזם איז די דענק ־ פאָרם פון דער לעבנס ־ וויסנ־שאַפט, יעדעס לעבנס־וועזן פאַרווירקלעכט דעם אימאַנענטן פּלאַן און איז דער אויסדרוק פון דער אינערלעכער צוועקמעסיקייט. אַלץ, וואָס לעבט באַוועגט זיך, און יעדע באַוועגונג מוז האָבן אַ ציל. יע־דער לעבעדיקער אָרגאַניזם שטעלט מיט זיך פאַר אַ צוועק פאַר זיך אַליין, וועלכער דינט דער זעלבסטדערהאַלטונג. די געזעצן, וואָס גילטן בײַ אַלע לעבעדיקע אָרגאַניזמען, זענען אויך חל אויפן מענטשלעכן מין. אַלע מענטשלעכע מעשים און האַנדלונגען בלײַבן אומפאַרשטענדלעך, כל זמן מיר קענען נישט דעם ציל, צו וועלכן דער מענטש שטרעבט. דער איינציקער שליסל צו פאַרשטיין דאָס פאַרהאַלטן זיך פון אַ מענטש איז דער „צו וואָס?״, צו וועלכן צוועק, און נישט דער „פאַר וואָס?״, צוליב וועלכער סיבה. פאַר־שטיין קאָן מען נאָר אַ מענטש, ווען מען קען זײַן לעבנס־ציל. קען מען דעם ציל, קען מען דעם גאַנצן מענטש.

דורך דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע אַלפרעד אַדלערס ציט זיך אַדורך, ווי אַ רויטער פאָדעם, די פראַגע: „פאַר וואָס?״. דער „פאַר וואָס?״ איז אומעטום חל, און אומעטום פאַרבאַהאַלטן אַפילו אין די אומזיניקסטע האַנדלונגען און טאַטן פון אַ מענטש. אין דעם נישט וועלן געפינט זיך אויך אַ ציל. אַפילו אויך אין די טאַטן און

*) די באַלויכטונג פון דער שטרייט־פראַגע פינאַליזם אָדער קאַו־זאַליטעט אין דער אינדיווידואַל ־ פּסיכאָלאָגיע, איז מיינע אַ פער־זענלעכע. כדאי צו באַמערקן, אַז דער העלסטער ־ קאָפּ צווישן די אינדיווידואַל ־ פּסיכאָלאָגן, פריץ קינגעל, איז אַן אַנטשיידנדיקער קעגנער פון דעם אָרטאָדאָקסאַלן פינאַליזם. ער איז נוטה צו דער דיאַלעקטישער מעטאָדע „וועקסלווירקונג צווישן סיבה און ציל״. זע זײַן בוך „די וויטאַליסטישע דיאַלעקטיק״, ווי אויך זײַן רעפע־ראַט אויפן דריטן פּסיכיאַטרישן קאָנגרעס אין באַדן־באַדן. הירצל פערלאַג, לייפּציק 1928, ווי אויך אַנרי בערגסאָן „די שעפערישע אַנטוויקלונג״. אין דער פראַגע דעטערמיניזם אָדער אינדעטערמי־ניזם מוז באַמערקט ווערן, אַז אינדעטערמיניזם שליסט נישט אויס דעם דעטערמיניזם. זע קאַרל יאָעל „דער פרייער ווילע״. מען קאָן דאָס פּראָבלעם אויסדריקן אין דער שפּראַך פון פּיהינגערס פיק־ציאָנאַליזם: באַטראַכטן דאָס מענטשלעכע זעלן־לעבן ווי עס וואָלט געווען אינדעטערמינירט.

האַנדלונגען פון די גייסטיק־קראַנקע ליגט באַהאַלטן דער פּערזענ־לעכער ציל. ער קאָן זיין אַ פאַלשער, אַן אומבאַוווסטער, אָבער פאַראַן איז ער.

זייער אַן אָפטע דערשיינונג אין מענטשלעכן לעבן איז די צוועקענדערונג, די „אומפינאַליזירונג״. ד. ה. דער אורשפּרינגלע־כער ציל הערט אויף צו דינען דער ריכטיקער פונקציע און גייט איבער אין דינסט פון אַ צווייטער. למשל, די פונקציע פון עסן, וועלכע דינט דעם שטאָף־וועקסל־פּראָצעס פון אָרגאַניזם, ווערט דורך דעם קינד אומפינאַליזירט. דאָס קינד נוצט אויס די דערנע־רונגס־פונקציע צו אַן אַנדערן ציל, כּדי צו טראָצן מיט דער סביבה. די פּשוטע ביאָלאָגישע פונקציע פון עסן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמפּס־מיטל קעגן די עלטערן. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער סעקסועלער פונקציע, וועלכע ווערט גאָר געשטעלט אין דינסט פון פרויען־יאַגד און רויב־תּאוות. די אינטעליגענץ ווערט גאָר באַנוצט אַנדערע מענטשן צו באַשווינדלען און גענאַרן. דער עגאָצענטריקער ענדערט דעם צוועק פון סאָציאַלער פונקציע, שטאָט זיך צו פילן אַלס טייל פון אַ גאַנצקייט, איזאָלירט ער זיך און פירט אַ „ראָ־בינאָזן״ דאַזיין און גייט אין געפאַנגעשאַפט פון זיין „איך פיק־ציע״.

יעדע אומצוועקענדערונג פון אַ ביאָלאָגישער אָדער פון אַ סאָ־ציאַלער פונקציע איז אַ מיטל אויף אַרויסצובאַקומען אַן אַרויס־טריט ־ צייגניש פון דער געמיינשאַפט.

אַ ווייטערדיקער פּועל ־ יוצא פון דער פינאַליסטישער טעאָריע איז די טאָטאַלקייט, די איינהייטלעכקייט פון דער פּערזענלעכקייט. מען קאָן נישט אָננעמען די ציל ־ שטרעביקייט פון דער פּערזענ־לעכקייט און דערביי זיין ביי דער מיינונג, אַז די מענטשלעכע נשמה איז צעשפּאָלטן און צעריסן אויף אויטאָנאָמע טיילן („טייל־זעלן״).

דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דער פּסיכאָלאָגיע דעם באַגריף פון אַנטצווייונג און שפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכ־קייט, איז געווען דער פראַנצויזישער פּסיכיאַטאָר זשאַן זשאַנעט. זשאַנעטס לערע פון פּסיכאָלאָגישן אויטאָמאַטיזם האָט באַפרוכ־

פערט די מאָדערנע פסיכאָלאָגיע און אָנגעוויזן נייע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. גלייכצייטיק מיט זשאַנעטן האָט פרויד*) קאָנסעקווענט אַדורכגעפירט די שפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט אויף צוויי אויטאָנאָמע טיילן: דאָס באַוווסטזיין און דאָס אומבאַוווסטזיין. דער באַוווסטער ציריכער פּסיכיאַטאָר בלוילער האָט די צעטיילונג פון דער פּסיכיק נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן און אַריינגעפירט אין דער פּסיכאָלאָגיע דעם באַגריף אַמביוואַלענץ. מיט דעם באַגריף אַמביוואַלענץ באַצייכנט בלוילער: די טאָפּל־ווערטונג פון דער אָביעקטן־וועלט. האָבן צו איין און דער זעלבער זאַך אַ נעגאַטיוו און אַ פּאָזיטיוו געפיל, ווי האַס און ליבע. עס הונגערט און גלייכצייטיק האָט מען אַ ווידערווילן צום עסן. מען האָט מורא פאַר נייע זאַכן און גלייכצייטיק שטרעבט מען נאָך זיי. פרויד האָט דעם בלוילערישן אַמביוואַלענץ־באַגריף אַריינגענומען אין זיין לערע. קאַרל גוסטאַוו יונג האָט דעם בלוילערישן אַמביוואַלענץ־באַגריף מאָדיפיצירט און באַצייכנט אים אַלס סעקונדערע דערשיינונג. ערשט אַלפרעד אַדלער האָט אונטערן איינפלוס פון די נעאָוויטאַליסטן און הוסערלס פענאָמענאָלאָגיע אויפגעפאַסט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט אַלס גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט. די פענאָמענאָלאָגישע לערע וועגן דער איינהייטלעכקייט פון די איבערלעבענישן האָט באַוויזן, אַז אַלע פּרוּוון צו צעשפּאַלטן די מענטשלעכע נשמה זענען מער נישט, ווי אַ געקינסטלטע צעגלידערונג פון אַן אָרגאַנישער איינהייט. ווי מען זאָל נישט פּרוּוון צו צעגלידערן און צעטיילן די מענטשלעכע איבערלעבענישן, בלייבן זיי תּמיד גאַנץ און נישט געשפּאַלטן. די מענטשלעכע פּסיכיק טראָגט דעם גאַנצקייט ־ כאַראַקטער. „דאָס גאַנצע איז געווען פריער פאַר די טיילן“. די טיילן לעבן אין דער גאַנצקייט. „יעדער אינדיווויד פאַרמאָגט דעם טאָטאַלן אימפּולס פון לעבן“ (בערגסאָן).

*) פרויד אונטערשטרייכט עטלעכע מאָל אין זיינע שריפטן, אַז ער האָט די לערע פון דער שפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט (אומבאַוווסטזיין און באַוווסטזיין), נישט מקבל געווען פון זשאַנעטן. זייענדיק ביי אים אין פּאַריז, האָט זשאַנעט מיט אים קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט. מיר האָבן נישט קיין גרונד פרוידן נישט צו גלויבן.

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע פאַסט אויף יעדן אינדיוויד אַלס צוועקמעסיקע איינהייט. יעדע צוויי־טיילונג פון מענטשלעכן איך איז נאָר אַ שיינבאַרע אַ למראית־עינדיקע. די צווײדייטיקייט, די ווידערשפּרעכלעכקייט פון כאַראַקטער, ווי: קאַרגשאַפט און פזרנות, פיינטשאַפט און ליבע זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי פאַרשידענע מיטלען אין דינסט פון אַן איינהייטלעכן ציל. מיט וועלכן מיטל דער אינדיוויד באַנוצט זיך — איז אָפּהענגיק פון דער סיטואַציע, אין וועלכער ער געפינט זיך. אַמאָל איז קאַרגשאַפט אַ גוטע מעטאָדע, און אַמאָל איז גאָר פזרנות אַ גאַנגבאַר אַרטיקל. אַזוי למשל: זענען פאַראַן קינדער, וועלכע זענען אין דער היים געלאַסענע, שטילינקע, און אין דער שולע גאָר ווילד און, פאַרקערט, אין דער שולע שטילע טייבעלעך און אין דער היים די גרעסטע „לאָבוזעס". מיר האָבן דאָ בשום אופן נישט צו טון מיט קיין אַמביוואַלענץ, מיט צוויי־פנמדיקייט פון קינד. דאָס קינד וויל נאָר דורך פאַרשידענע מיטלען דערגרייכן דעם זעלבן ציל. מען מוז פאַרשטיין, אַז די קינדישע ווילדקייט און צעלאָזנקייט איז נישט גלאַט לשם ווילדקייט. דאָס קינד וויל מיט זיין נישט־אַרטיקייט עפּעס דערגרייכן, דערציילן, און דאָס זעלבע איז אויך מיט זיין איבערגעטריבענער אָרנטלעכקייט. דאָ, ווו מען קאָן דערגרייכן אָנזען, מאַכט, דורך ווילדקייט — איז ווילדקייט אַן ענין. און דאָ, ווו מען קאָן נישט, פּרובירט מען די מאַכט־גיריקייט און אייטלקייט צו דערגרייכן מיט איבערגעטריבע־נער אָרנטלעכקייט. אַזוי אַרום קאָנען צוויי קעגנזאַצן, ווי טראָץ און געהאָרכזאַמקייט דינען איין און דעם זעלבן ציל.

די כלומרשטע קעגנזעצלעכקייט, אַמביוואַלענץ, געפינען מיר ביי יעדן אינדיוויד. די ביפּאָלאַריטעט איז אין תוך אַ זעלבסט־אָפּנאַרעריי. די שיינבאַרע שפּאַלטונג דינט אַלס מיטל זיך צו באַ־פרייען פון דער זעלבסט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די קעגנזעצלעכ־קייט, די אינערלעכע צעריסנקייט געפינט מען אָפט דאָרטן, ווו מען וויל נישט אָדער מען האָט מורא דרייסט צוצוגיין צום ציל. דער, וואָס זיין האַרץ שוועבט צווישן צוויי אָביעקטן און קאָן זיך נישט דעצידירן, וועלכן אויסצוויילן, דער שטרעבט גאָר פון ביידע זיך צו דערווייטערן. זייער אָפט איז די אינערלעכע צעריסנקייט, דאָס

נישט קענען זיך דעצידירן, אַ מיטל צו געווינען צייט, כּדי אָפּצו־שלען די אַנטגילטיקע אַנטשיידונג. מען מוז געדענקען, אַז יעדער קעגנזאַץ אין דער ציל־שטרעבונג איז שיינבאַר. וועלכער ציל איז דער ריכטיקער, דער תּוכדיקער, קאָן מען ערשט וויסן, ווען מען קען די גאַנצע פּערזענלעכקייט, ווייל די זעלבע האַנדלונגען, די זעלבע קאָנפליקטן קאָנען האָבן ביי פאַרשידענע מענטשן, פאַרשידענע באַדייטונגען.

אונטער אַלע בלומרשטע שפּאַלטונגען און קעגנזעצלעכקייטן פון כאַראַקטער קלאַפּט דער דופק פון איינהייטלעכקייט, טאָטאַל־קייט. די גאַנצע פאָרשונגס־אַרבעט פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז דאָס אויסגעפינען די „איינהייט אין דער פילהייט". די איינהייטלעכקייט פון כאַראַקטער ווערט צעמענטירט אין דער פיל־הייט (געמיינשאַפט). אַלע מענטשלעכע טאָטן, האַנדלונגען, גע־פילן, דינען איין ציל: איינגלידערן זיך אין דער מענטשלעכער גע־מיינשאַפט, אין דער פילהייט געפונען די איינהייט. די געמיינ־שאַפט איז דער סם־החיים, די „לעבנס־קראַפט", וואָס פליסט אין יעדן יחיד און ווייזט אים זיין לעבנס־ציל.

יעדער פינאַליזם אָן דעם בערגסאָנישן „èlan vital" איז נישט דענקבאַר. די אַדלערישע „לעבנס־קראַפט" איז דאָס גע־מיינשאַפט־געפיל. דאָ ליגט די טיפע פאַרוואַנדשאַפט צווישן דער אַדלערישער לערע און דער בערגסאָנישער פילאָסאָפיע.

## מינדערווערטיקייטס-געפיל און דאָס שטרעבן שטאַרק צו זיין

שוין פון די ערשטע טעג פון זיין לעבן איז דאָס מענטשן־קינד אָנגעוויזן אויף דער הילף פון דער געמיינזאַמקייט. דאָס ערשטע געשריי פון קינד איז אַ הילפס־אַפּעל צו דער אַרומיקער סביבה, אַ מיטל אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די מיט־מענטשן. צופרידן, מיט אַ מלאכיש שמייכעלע אויף די ליפּן שלאָפט דאָס קינד איין נאָכן באַקומען די ערשטע הילף מצד די אַרומיקע, אָבער באַלד דערלעבט עס די ערשטע אַנטוישונג: די געמיינזאַמקייט שטילט נישט נאָר בלויז דעם הונגער, שענקט וואַרעמקייט, זי פאָדערט אָבער און פאַרלאַנגט: אָרדענונג, סדר. די שעהן פון עסן מוזן גערעגלט ווערן דורכן זייגער. מען מוז זיך צופּאַסן צו די ריינקייטס־פאָדערונגען פון דער סביבה. דאָס קינד וויל זיך אַזוי לייכט נישט אונטערגעבן. עס פּראָטעסטירט קעגן דעם הויפּט – כּלל פון דער מענטשלעכער געמיינשאַפט, קעגן דער וועקסלזייטיקייט פון נעמען און געבן. דאָס קינד וויל נאָר נעמען אָבער נישט געבן. די פּרווון איינצוגלידערן דאָס מענטשן־קינד אין דער געמיינזאַמקייט זענען גאַנץ שווערע. אויף יעדן טריט און שריט טרעפט מען אָן טראָץ און ווידערשטאַנד. מיט יעדער קאָנצעסיע, וואָס דער דערציער מאַכט דעם קינדישן טראָץ, בויט ער אויס אַ מחיצה צווישן קינד און דער געמיינשאַפט, יעדע רעזיגנאַציע פאַרן קינדישן ווידערשטאַנד רויבט צו ביים קינד דעם מוט. מוט איז ריזיקאָ. דאָס קינד וויל נישט ריזיקירן. עס וויל אַלץ דערגרייכן דורך דערוועקן מיטלייד, דורך געהאָרכזאַמקייט און אָפּהענגיקייט.

די שפּאַנונג צווישן דעם קינדישן עגאָצענטריזם און דער געמיינזאַמקייט גיט דעם קינד צו פאַרזוכן דאָס ביטערע איבערלע־בעניש פון דער אייגענער הילפלאָזיקייט און עלנטקייט. דאָס איז די ערשטע פּסיכישע איבערלעבעניש פון מענטשן־קינד, צו וועלכער קיין שום באַשעפעניש איז נישט מסוגל אין דער ערשטער פאַזע פון זיין אַנטוויקלונג. דאָס מענטשן־קינד באַצאָלט פאַר דער דאָזיקער פּריווילעגיע מיט דער מטבע פון ליידן.

וואָס עלטער דאָס קינד ווערט, אַלץ גרעסער זענען די פאָדע־רונגען פון דער געמיינזאַמקייט, אַלץ מער ווערן געמאַכט די פּרווון עס איינצוגלידערן אין דער סאָציאַלער סביבה. דאָס קינד הייבט אָן מעסטן און פאַרגלייכן דעם אונטערשיד צווישן זיך און די אַרו־מיקע מענטשן. די גרויע טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג לערנט דאָס קליינע נפשל, אַז דער אונטערשיד איז אַ גרויסער. די אַרומיקע זעען אויס אין זיינע אויגן אַלמעכטיק, זיי קענען פאַרווירקלעכן אַלץ, וואָס זיי ווילן נאָר. נאָר ער אַליין איז הילפּסלאָז, שוואַך. די ביטערע איבערלעבעניש פון דער אייגענער שוואַכקייט, מאַכט אויף פאַרן קינד אַ קליין פענצטערל אין דער דרויסנדיקער וועלט אַרויס, און עס דערזעט און איבערצייגט זיך, אַז דערגרייכן די באַגערן און שטילן די פאַרלאַנגען קאָן מען נאָר מיט דער הילף פון די גרויסע. די נייע אַנטדעקונג גיט דעם קינד צו פילן זיין אָפּהענגיקייט פון דער אַרומיקער סביבה. עס קאָן נאָר פאַרווירקלעכן זיינע פאַרלאַנ־גען דורך די גרויסע.

די דריי איבערלעבענישן, וואָס דאָס קינד פיבערט אַדורך אין דער ערשטער פאַזע פון זיין אַנטוויקלונג: ד אָ ס  ג ע פ י ל  פ ו ן  ד ע ר  א יי ג ע נ ע ר  ה י ל פ ל אָ ז י ק יי ט,  ש וו אַ כ ק יי ט,  אָ פּ ה ע נ ג י ק יי ט, רופט אַדלער אָן: ד אָ ס  מ י נ ד ע ר־וו ע ר ט י ק יי ט ס ־ ג ע פ י ל.

דאָס מינדערווערטיקייטס ־ געפיל איז אַ לעגיטים קינד פון די נישט געלונגענע איינגלידערונגס־פּרווון אין דער געמיינזאַמ־קייט. דאָס דאָזיקע געפיל ווערט געבוירן צוזאַמען מיט דער אַנט־דעקונג פון דער געמיינשאַפט. האָט דאָס קינד אַנטדעקט די גע־מיינשאַפט, מוז עס, צי עס וויל יאָ צי נישט, אָננעמען צו איר אַ גע־

וויסע שטעלונג, מוז צו איר האָבן אַ באַציונג. ווי אַזוי די באַציונג פון קינד צו דער געמיינזאַמקייט דריקט זיך אויס, איז אָפּהענגיק פון דעם מינדערוועדטיקייטס - געפיל. וואָס מער אַ מענטש פילט זיך מינדערוועדטיק, וואָס מער ער צווייפלט אין זיין אייגענעם ווערט, אַלס שווערער קומט אים אָן דאָס אָנקניפּן באַציונגען מיט דער סאָציאַלער סביבה, אַלץ שטאַרקער איז זיין פיינטשאַפט צו דער מיט-מענטשלעכקייט. ער פילט זיך ווי אַרויסגעשטויסן פון קאָלעקטיוו, מחוץ למחנהדיק. מיר טאָרן אָבער נישט פאַרגעסן: אַז אין אמתן עקזיסטירט בלויז דאָס מינדערוועדטיקייטס - געפיל סוביעקטיוו נאָר אין דער פאָרשטעלונג פון אינדיווידּ, ווען ער פאַר־גלייכט זיין איך מיט אַנדערע יחידים, ווייל וואָס מער איינער צווייפלט אין זיין אייגן-ווערט, אַלץ מער וויכטיק און חשובער, דאַכט זיך אים אויס, זענען די אַרומיקע מענטשן. דאָס מינדערוועדטיקייטס - געפיל איז נאָר אַ פיקציע, אַ סוביעקטיווע פאַרשטעלונג. און עס האָט לגמרי נישט צו טון מיט דעם אמתדיקן ווערט פון מענטש. מען קאָן זיך פילן מינדערוועדטיק און דערביי זיין אַ ווערט־פולער מענטש.

און ערשט דאָ, אויף יענער זייט פון די געמיינזאַמקייטס־גרענעצן, דערוועקן זיך די ערשטע בונטאַרישע טענער. דער מענטש מאָביליזירט זיינע אַלע כוחות, כדי זיך צו באַפרייען פון זיין מינוס - סיטואַציע, פון דעם „ווינציקער־זיין", פון דער שפלות־קלעם, און אַרויס אויפן ברייטן לעבנס-שליאַך. זיין ענלעך צום גרויסן, באַקומען חשיבות און אָנזען, זיין שטאַרק — זענען די לייט-מאָטיוון פון קינדס שטרעבונגען און האַנדלונגען, דאָס שטרעבן איבערצוווינדן דאָס מינדערוועדטיקייטס - געפיל איז דער גרונט־טאָן פון זיינע באַגערן.

פאַרשידן זענען די וועגן, ווי אַזוי דער מענטש באַמיט זיך אי־בערצוווינדן זיין שפלות־געפיל. איין וועג פירט דורך די געצעלטן פון דער געמיינזאַמקייט. דורך לייסטונגען, מעשים באַמיט מען זיך צו געווינען די „פּלוס - פּאָזיציע" אין לעבן. דורך מוט, זעלבסט־שטענדיקייט, קאָנטאַקט - פעאיקייט מיט די מיט - מענטשן גע־ווינט מען דעם אייגנווערט, און פון דער אייגענער שוואַכקייט

ווערט אויסגעשמידט אַ שטאַרקייט. דאָס געמיינשאַפט - געפיל מאַכט שווייגן דאָס מינדערווערטיקייט - געפיל.

דער צווייטער וועג איז דער וועג פון אַגרעסיע אין קאַמף מיט דער מיט־מענטשלעכקייט. מען באַקעמפט די אָביעקטן־וועלט, כדי זיך צו פילן אָפּהענגיק פון איר. מען אַנטלויפט פון דעם אָביעקט און אין אמתן וויל מען גאָר ווערן געפאַנגען פון אים. נישט פאַר־לאָזן די מינוס - סיטואַציע וויל מען, נאָר מען שטרעבט אויסצו־שמידן פון דער אייגענער מינדערווערטיקייט אַ כּלי־זיין קעגן דער סביבה. מען וויל הערשן מיטן כּוח פון דער אייגענער הילפלאָזי־קייט. חשיבות, אָנזען, וויל מען געווינען נישט דורך דערהייבן דעם אייגענעם ווערט, נאָר דורך אַנטווערטן און דערנידעריקן דעם צווייטן. אַלע מענטשן זענען ווערטלאָז, שפלדיק. קיינער איז נישט ראוי צו טראָגן דעם נאָמען מענטש, פאַרשטייט זיך, אַז נאָר ער, דער נעבן־מענטש, איז איין לייטישער בר־נש אויף גאָטס־וועלטל. מען אַנטלויפט פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט אין אַן אויסגעחלומט פיקציע־קעניגרייך, מען טרוימט זיך אויס בהקיץ אַנדערע וועלטן. די לעבעדיקע, צאַפּלדיקע קעגנוואַרט ווערט באַשאָטנט מיט הוריות און טרוימען און פאַררוקט ערגעץ אין אַן הינטערגרונט. אַזוי בלאָנ־דזשעט מען אַרום דאָס בינטל יאָרן אויף „דער נישט־נוצלעכער זייט פון לעבן". מען אַנטלויפט פון דער געמיינזאַמקייט אין די עגאָ־צענטרישע איזאָלאַציע־מויערן. דאָס אַנטלויפן פון דער מיט־מענטשלעכקייט דריקט זיך אויס אין נישט ווען און נישט קענען זיך אויסוויקלען פון לעבנס־התחייבותן, וואָס די געמיינשאַפט לייגט אַרויף אויף יעדן יחיד. מען וויל מיט גאָר נישט ריזיקירן. די מורא פאַר דורכפאַלן און מיסדערפאָלגן ווערט פיל־אויגיק. די מורא איז גורם, אַז מען מיידט אויס אַזעלכע געלעגנהייטן און סיטואַציעס, ווו דורכפאַלן זענען שכיח. און אין אמתן, ווו זענען זיי דען נישט שכיח? מיט כּלומרשטע מעשים וויל מען פאַרדעקן דאָס אייגענע שפלות־געפיל, דורך אויסערלעכע גלאַנץ־דערפאָלגן וויל מען אויס־באַהאַלטן די אייגענע אומווערט.

די מעטאָדן און מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרפעסטיקן די אַליינ־הערשאַפט, די מלוכה פון — דער פויסט, ווערן שוין זייט דער

פריסטער קינדהייט אויסגעפּרווט, טרענירט. דאָס קינד, וואָס ווערט פון זיין שפּלות געפיל געטריבן אויפן סטאַרט־פלאַץ־געיעג נאָך הערשאַפט און חשיבות, מאַכט גאַנץ פרי די אַנטדעקונג, אַז מען קאָן שפּילן די ערשטע פידל און דערביי נישט אַריינטון דעם פינ־גער אין קאַלטן וואַסער אַריין. מען דאַרף נאָר לאָזן אין גאַנג די אויסגעפּרווטע טעראָר־מיטלען און קיין איין מינוט ווילן די גרוי־סע נישט טאָרן מסיח־דעת זיין פון דיר. מיטלען זענען פאַראַן די־והותר: עס־שטרייקן, ברעכן, כעס־אויסברוכן, אויסשרייען אין מיטן דער נאַכט און פיל אַנדערע ראַפינירטע תחבולות, כדי איינצושפּאַ־נען די עלטערן אין זיין ערגייץ־וועגעלע, כדי אָנצונאָגלען די מוטער אַ גאַנצע נאַכט ביים בעטל. אַ באַזונדער בדוק־ומנוסה־מיטל צו שטאַרקן דאָס באַדראָטע זעלבסט־געפיל, איז די פיל־אויגיקע מורא. דער קינדישער פחד אַליין צו זיין איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ באַהאַלטענער ווילן צו הערשן און העכער שטעלן זיך איבער די אַרומיקע. דער קינדישער אַנגריף אויף דער געמיינשאַפט איז אַ סגולה נישט צו ליידן קיין דורכפאַלן און מפּלות. נצחונות איבער די עלטערן קאָן מען לייכט דערגרייכן. צו דעם פאָדערט זיך נישט קיין מוט, קיין זעלבסטשטענדיקייט און דער עיקר מען דאַרף גאָר נישט עפּעס פּאָזיטיוועס צו טון און לייסטן.

טיף ביי זיך אין האַרצן האַלט זיך דאָס קינד פאַר אומגליק־לעך, פון די עלטערן געהאַסט. דער דורשט נקמה צו נעמען פאַר דער אייגענער אומעכטיקייט און הילפלאָזיקייט טרייבט דאָס קינד צו טראָץ, צו צולהכעיסדיקייט און עס לאָזט די אַרומיקע שפּירן זיין מאַכט־דורשטיקע פויסט. דאָס קינד ווייסט מיט אַן אַכזריות־דיקער ראַפינירטקייט אויסצוגעפינען די שוואַכע, ווייטאָקדיקע פונקטן, ווו מען קאָן די עלטערן אַממיינסטן טרעפן און דערצערנען. אַזוי אַרום מינצט דאָס קינד אויס זיין הילפלאָזיקייט און שלאָגט קאַפּיטאַל פון זיין שוואַכקייט. דאָס דינע שטעגל, וואָס פאַראייי־ניקט דאָס קינד מיט דער געמיינזאַמקייט ווערט, וואָס אַ מאָל שמעלער און דינער, ביי די גרענעצן פון דער געמיינזאַמקייט איז קריגס־צושטאַנד און דאָס מינדערווערטיקייטס־געפיל פּראָוועט זיין נצחון.

דאָ איז געוואָרן אָנגעצייכנט צוויי וועגן ווי אַזוי דער מענטש באַמיט זיך איבערצוווינדן זיין מינדערווערטיקייטס־געפיל. דער ערשטער וועג, די נישט־געלונגענע קאָמפּענסאַציע פירט אין חושכ־דיקן קלויסטער פון נייראָז, דער צווייטער וועג, די געלונגענע קאָמ־פּענסאַציע פירט צו דער געמיינזאַמקייט, צו פרידן מיט דער מיט־מענטשלעכקייט.

## אָרגאַנישע מינדערוועַרטיקייט

איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן, וועלכע זענען עלול צו פאַר־שטאַרקערן דאָס מינדערוועַרטיקייטס־געפיל און באַשווערן די איינ־גלידערונג אין דער געמיינזאַמקייט, איז דאָס געפיל פון אַן אָרגאַ־נישער מינדערוועַרטיקייט. אונטערן באַגריף אָרגאַנען־מינדערוועַר־טיקייט באַדאַרף מען פאַרשטיין נישט קיין אַבסאָלוטן קערפּערלעכן דעפעקט, אַ מום, נאָר בלויז אַ רעלאַטיווע אינסופיציענץ לגבי אַנ־אַנדערע אָרגאַנען. און בשעתן אויספירן די אָרגאַנען־פונקציעס עמפינדעט דער אינדיווידום אַ סוביעקטיווע שווערקייט. ווי מיר ווייסן, זענען איינע פון די שווערקייטן אין דער קינדהייט דאָס איבן און אַנטוויקלען די קערפּערלעכע פונקציעס, איבער דעם איז יעדע שווערקייט, וואָס דאָס קינד לעבט איבער, ביים אויספירן זיינע קערפּערלעכע פונקציעס, פאַרבונדן מיט דעם געפיל פון מינדער־ווערטיקייט און שוואַך־זיין. דאָס מינדערוועַרטיקייטס־געפיל, וואָס יעדעס נאָרמאַלע קינד פאַרמאָגט, ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט דורך אַן אָרגאַנישער מינדערוועַרטיקייט, און ממילא ווערט דאָס שטרעבן נאָך מאַכט און חשיבות נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן. למשל: אַן אָרגאַנישע מינדערוועַרטיקייט אין די פאַרדייאונגס־אברים, וואָס כאָטש בעצם איז זי נישט קיין מאַניפעסטע קראַנקייט פון דעם באַטרעפנדיקן אבר אָבער אויף דער אַנטוויקלונג פון קינד ווירקט דער דאָזיקער קערפּערלעכער אָפּנויג נעגאַטיוו. דאָס רעגו־לירן די צייטן פון עסן קומט אָן שווערלעך, אויך די ריי־ניקייטס־דרעסור גייט צו פּאַמעלעכער און לאַנגזאַמער, ווי ביי אַנדערע קינ־

דער. עס איז שווער אַזאַ קינד צו האַלטן ריין און צוגעוויינען צו פינקטלעכקייט. דאָס קינד וועט אויף די ריניקייטס־פּאָדערונגען פון דער סביבה ענטפערן מיט טראָץ און ווידערשטאַנד, וועלכע זענען דער טרייב־קראַפט פון מינדערווערטיקייטס־געפיל. דאָס זעלבע געשעט אויך מיט די קינדער, וואָס זייער אורין־בלאָז איז נישט אין אָרדנונג. עס קומט זיי אָן שווערלעך צו באַהערשן די פונקציעס פון דעם אורין־בלאָז. דורך דעם אַנטשטייען אומגינסטיקע סיטואַציעס פאַרן קינד, וועלכע זענען עלול צו פאַרשטאַרקערן זיין מינדערווערטיקייטס־געפיל. דאָס קינד ווערט געפאַלן ביי זיך און האַלט זיך שפלדיקער, ווי זיינס־גלייכן. בכלל, באַדאַרף מען געדענקען: ווירקט יעדע שטערונג און מניעה אין דער אויספירונג פון די נאָרמאַלע אָרגאַנען־פונקציעס, ווי אַ קערפּערלעכע מינדערווערטיקייט.

די באַדייטונג פון דער אָרגאַנישער מינדערווערטיקייט פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון קינד באַדאַרף נישט ווערן אָפּגעשאַצט פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט, נאָר ראשית־כל פון דעם ריין־פּסיכאָלאָגישן. נישט די קראַנקייט גופא באַאיינפלוסט דאָס קינד, נאָר דאָס עמפּינדן די קראַנקייט, דאָס איבערלעבן דעם צער, וואָס דער קערפּערלעכער דעפעקט איז גורם. דעצידירנדיק איז די פּערזענלעכע שטעלונג אין באַציונג צו דעם מינדערווערטיקן אָרגאַן. עס איז געמאָלט, אַז גראַד ערנסטע, וויכטיקע קראַנקייטן איבן לגמרי נישט אויס קיין איינפלוס אויף דער קינדישער פּסיכיק. דאָס קינד גופא רעאַגירט אויף זיי ווייניק און פאַרקערט, קליינע קערפּערליכע חסרונות, קליינע אָפּנויגונגען פון דער נאָרם זענען בכוח צו דערשיטערן דאָס קינד און אָוועקשטעלן עס עלנט אין דער וועלט. איך מוז דאָ נאָך אַמאָל איבערחזרן דעם העאוריסטישן פּרינציפּ פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, אַז דעצידירנדיק, ווי אומעטום, איז נאָר די שטעלונג פון מענטש צו דער אָביעקטן־וועלט און נישט די אָביעקטן־וועלט אַליין, אין דעם פאַל איז דעצידירנדיק די שטעלונג פון מענטש צו זיין קערפּערלעכן דעפעקט אָבער נישט דער דעפעקט גופא. ווי ווייט דער קערפּערלעכער דעפעקט איז עלול צו באַאיינפלוסן דעם מענטש, איז אָפּהענגיק ראשית־כל פון דער סוביעקטיווער עמפּינדונג. אָפטמאָל באַאיינפלוסן דאָס קינד קערפּערלעכע

אפנויגונגען, וועלכע זענען פון מעדיצינישן שטאַנדפונקט לגמרי נישט קיין אַנאָמאַליען, שטאַרקער, ווי אמתדיקע קערפערלעכע דע־פעקטן. אַזוי קאָנען אַזעלכע אפנויגונגען פון דער נאָרם ווי למשל: דיקקייט, קליינוווקסיקייט, האָזן־ליפ, שלעכט־געפאָרמטער שיידל, אויסשטעלן דאָס קינד אויף שפּאָט פון דער סביבה, און עס געווינט זיך צו צום געדאַנק ,אַז עס איז אַנדערש ווי די איבעריקע קינדער, שוואכער, נישט צוגעפּאַסט צום לעבן.

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט דער פעסטשטעלונג, אַז די ווידערשטאַנדס־פעיקייט פון מענטשלעכן אָרגאַניזם ווערט אָפּגעשוואַכט, אַ דאַנק די אָרגאַנישע מינדערווערטיקייטן, נאָר זי איז געגאַנגען אַ טריט ווייטער און דרייסט אַוועקגעשטעלט די פראַגע: וואָס מאַכט דער מענטש פון זיין אָרגאַנישער מינדערווערטיקייט? וואָס פאַראַ שטעלונג נעמט אָן דער אינדיוויד לגבי זיינע קערפערלעכע דעפעקטן? די תשובה. וואָס די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע גיט אונז, פליסט אַרויס קאָנ־סעקווענט פון איר פינאַליסטישער גרונט ־ הנחה: תמיד, ווען דער מענטש שטייט פאַר געוויסע שוועריקייטן, וויקלען זיך פאַר אים פונאַנדער צוויי אַנטקעגנזעצלעכע מעגלעכקייטן, ווי אַזוי די שווע־ריקייטן איבערצוווונדן און בייצוקומען. דער גורל פון דער איבער־ווינדונג ליגט, ווי תמיד אין דער האַנט פון מוט, גלויבן און זעלבסט־צוטרוי. די פראַגע איז: צי לאָזט זיך דאָס קינד דורך זיין אָרגאַני־שער מינדערווערטיקייט אַנטמוטיקן, אָדער נישט? פון דעם הענגט אַלץ אָפּ. אַלע אַנדערע פראַגן זענען פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט פּאַרפירעריש. נעמען מיר, למשל, אַ פאַל פון אַ לאַטענטער לינק־הענטיקייט. קיינער פון די שטוב־מענטשן ווייס נישט. אַז דאָס קינד ליידט פון לינקהענטיקייט, ווייל דער דעפעקט איז פאַרבאָרגן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קינד האָט שוועריקייטן ביים באַנוצן זיך מיט דער רעכטער האַנט. די דערציער טאַדלען און אַנטמוטיקן דאָס קינד מיט אַזעלכע עפּיטעטן: ווי לאָ־יצלח, אומגעהאָבלטער, דאָס קינד ווערט געפּאַלן ביי זיך און פאַרלירט לייכט דעם צוטרוי צו זיינע מעשים. עס קומט אים אָן שווער צו באַהערשן די טעכניק פון שרייבן. קיינעם פון די שטוב־מענטשן פאַלט נישט איין צו קלערן, אַז

דאָס אומגעשיקטקייט פון קינד איז אַ פּועל־יוצא פון אַן איינגעבוירענעם דעפעקט. אַלע אַרום פּסקנען אָפּ, אַז דאָס קינד איז נישט פעיק און דעם דאָזיקן שרעקלעכן גזר באַקומט עס אָנצוהערן אויף יעדן טריט און שריט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קינד ווערט שפל ביי זיך און עס באַמיט זיך אויסצומיידן אַזעלכע טעטיקייטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט האַנט־אַרבעט. אַזוי אַרום שאַפט דער קערפּערלעכער חסרון אַ מינוס־סיטואַציע פאַרן קינד. דאָס מינדערווערטיקע שוואַכע אבר איז אייל אויף די רעדער פון שפלות־געפיל און דינט אַלס בוי־מאַטעריאַל פאַר דעם נייראָז, און דער וועג צו דער געמיינזאַמקייט ווערט פאַרצוימט דורך דער נישט געלונגענער קאָמפּענסאַציע. האָט אָבער דאָס קינד גלויבן אין זיך און איז באַוואָפנט מיט מוט און אייפער, די עלטערן און דערציער אונטערגראָבן נישט דעם זעלבסט־צוטרוי, קומט גאָר פאַר אַ פאַרקערטע דערשיינונג: דאָס קינד באַמיט זיך איבערצווינדן די שוועריקייטן, און ממלא זיין דעם קערפּערלעכן חסרון. יעדע זאַך, וואָס איז פאַרבונדן מיט האַנט־אַרבעט ווערט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון קינדס פאַראינטערעסירונגען. די גאַנצע ענערגיע ווערט מאָביליזירט אויפן שוואַכן פונקט. דאָס קינד דערצילט דוקא דערפאָלגן אויף די שוואַכע פּאָזיציעס. דער נישט־געשיקטער לינקהענטלער ווערט גאָר אַ מייסטער, אַ צייכנער. דער קערפּערלעכער דעפעקט ווערט נישט נאָר אויסגעגליכן, נישט נאָר קאָמפּענסירט. עס קומט פאָר אַן איבער־קאָמפּענסאַציע. אַ מינדערווערט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן איבערווערט. אַ קורצזיכטיקער ווערט אַ מאָלער, אַ טויבלעכער, אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַ שטאַמלער אַן אָראַטאָר. גאַנץ גרויסע קינסטלער האָבן געליטן פון אָרגאַנישע מינדערווערטיקייטן. ביי באַרימטע מוזיקער ווי בעטהאָוון, סמעטאַנאַ, פראַנץ איז דער הער־אָרגאַן נישט געווען פולקאָם. וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין די מאָלערשולן האָבן באַוויזן, אַז 70% פון די שילער ליידן אויף פאַרשידענע אויגן־אַנאָמאַליען. באַרימטע מאָלער, ווי מאַנע און לענבאַך, און וויזועלע גרויס־דיכטער־טיפּן ווי געטע, דער שעפער פון אַ פאַרבנלערע דאַלטאָן, פרידריך שילער און דער רעאַליטעטס־פאַנטאַסט זשול־ווערן (ער איז קורץ פאַרן טויט בלינד געוואָרן) — זיי אַלע

האָבן געליטן פון אויגן אַנאָמאַליען. דעמאָסטענעס, וויקטאָר אַדלער, קאָמי, דעמולען, גרויסע רעדנער און שוישפּילער זענען געווען אין דער קינדהייט שטאַמלער, כבד־פּהניקעס.

דאָס זענען נישט גלאַט אַזוי זיך, גליקלעכע צופאַלן און לעבנס־קאַפּריזן, ווי אַ טייל דאַכט זיך אויס. אַזעלכע פאַלן טרעפן זיך אָפטער ווי מיר מיינען. עס איז קיין ספק נישט, אַז אָרגאַנען־מינ־דערוווערטיקייטן זענען פיל מאָל אַן אימפּולס צו קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע לייסטונגען (פיל דערפינדונגען זענען אַנטשטאַנען אַלס פּסיכישע קאָמפּענסאַציע פון אָרגאַנען מינדערוווערטיקייטן. פיל געלערטע האָבן געווידמעט זייער פאָרשונג די אָרגאַנען פון קער־פּער, פון וועלכע זיי האָבן געליטן), אָבער זיי זענען נישט די איינ־ציקע סיבה, נישט יעדער טויבלעכער ווערט אַ בעטהאָוון. אָפּהענגיק איז אַלץ פון מענטש. ס'ווענדט זיך, וואָס ער מאַכט פון זיין אָר־גאַנישער מינדערוווערטיקייט.

מ'דאַרף אָבער וויסן,אַז דאָס פּראָבלעם קונסט און קאָמפּענסאַ־ציע מוז ביי אַדלערן פאַרשטאַנען ווערן נישט אין ענגן ביאָלאָגישן זין, נאָר אין אַ זין אַ סך אַ טיפערן: דער שאַפונגס־וועג פון קינסט־לער איז איין קייט פון קאָמפּענסאַציעס און בייקומענישן פון שוועריקייטן. און טיילמאָל שאַפט זיך דער קינסטלער אַליין שווע־ריקייטן, כדי צו קענען לעבן און שאַפן. ער דאַרף האָבן די שווערי־קייטן, ווי דער שווימער דאָס וואַסער, כדי צו קענען שווימען. אַ גרויסער חסידישער רבי האָט אַ מאָל געזאָגט: „כ'האָב געזען, אַז כ'האָב שוין נישט וואָס אויפצוטון, כ'בין געקומען צו דער מדרגה פון שלימות, האָב איך מיר געמאַכט אַ מום, כדי צו קענען ווייטער לעבן און עס מתקן זיין" (אַן ענלעכן געדאַנק זאָגט נאָך וואַזאַרי אין נאָמען פון מיקל־אַנדזשעלאָ) אין אָט דעם זין דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערן די מאָראַלישע קאָמפּענסאַציע ביים קינסטלער.

אַדלערס לערע פון איבערקאָמפּענסאַציע וואַרפט אַ נייע ליכט אויפן קינסטלערישן שאַפן און אַנטפּלעקט אַ נייעם פאָרשונגס־מעטאָד אויפן געביט פון קינסטלער־פּסיכאָלאָגיע. זיין אַרבעט איבער דאָסטאָיעווסקין איז אַ קינסטלער־פּסיכאָלאָגיש מייסטער־ווערק.

די לערע פֿון קאָמפּענסאַציע און איבער־קאָמפּענסאַציע פֿון מינדערוועטיקע אָרגאַנען פֿאַרפֿעסטיקט און באַשטעטיקט די טעאָרעטישע הנחה וועגן דער איבערווינדונג פֿון דעם מינדער־ווערטיקייטס־געפֿיל, וועגן וועלכן עס איז געוואָרן גערעדט אין פֿריערדיקן קאַפּיטל, און באַשטעטיקט דעם כּלל: אַז די איבער־ווינדונג פֿון דעם שפֿלות־געפֿיל קאָן נאָר געשען דורך אַן איבער־קאָמפּענסאַציע און נישט דורך אַ געוויינטלעכער קאָמפּענסאַציע.

די סיבה פֿון דער דאָזיקער מערקווירדיקער דערשיינונג איז אַ פּשוטע: שטרעבט איינער מיט אַלע כּוחות נישט צו זיין אויף אַ געוויסן געביט הינטערשטעליק, ווינציקער ווערט לגבי אַ צווייטן מענטש, לעבט ער תּמיד אין איין פּחד, טאָמער וועט ער נישט באַווייזן צו דערהאַלטן זיך אויף דעם זעלבן פּלאַך, וואָס דער צווייטער. און אַפֿילו ווען ער האָט שוין דערגרייכט צו דער מדרגה פֿון צווייטן, ספֿקט ער כּסדר, טאָמער זענען יענעמס לייסטונגען אויף דעם געביט ווערטפֿולער. אויף אַזאַ אויפֿן ווערט ער געיאָגט אָן אויפֿהער פֿון אַן אינערלעכער אומרואיקייט צו פֿאַרפֿולקאָמענען זיינע לייסטונגען ביז ער דערגייט צו דער מדרגה פֿון אַן איבער־קאָמפּענסאַציע.

ביי יעדער איבער־קאָמפּענסאַציע קומט פֿאָר גלייכצייטיק אַ פּסיכישער איבערבוי פֿון דער פּערזענלעכקייט. אָן דעם איז קיין־מאָל נישט מעגלעך קיין איבער־קאָמפּענסאַציע. דער גאַנצער מענטש מוז פּסיכיש נעמען אַ שטעלונג צו דעם פּראָצעס. דער מינדערווערטיקער אָרגאַן ווערט דער קריסטאַליזאַציע־פּונקט פֿון דער מענטשלעכער נשמה און ווערט אַרויסגערוקט אין צענטרום פֿון דעם אינדיווידס אויפֿמערקזאַמקייט און דורך טרענירונג, אַי־בונג זייט די פֿריעסטע יאָרן, ווען מען קאָן נאָך דורך טרענירונג אַלץ דערגרייכן, שאַפֿט זיך די איבער־קאָמפּענסאַציע.

דער קאָמפּענסאַטאָרישער דראַנג איז דער טיפֿסטער זין פֿון מענטשלעכן לעבן. ער האָט געשאַפֿן די קולטור און אויסגע־פֿאָרעמט דעם לעבנס־סטיל, די אויסדרוק ־ פֿאָרם פֿון יעדן יחיד. ער איז די באַלאַנסירונג פֿון דעם כּוחות־שפּיל מענטש—ערד—געזעלשאַפֿט. דער ענדציל פֿון אַלע פּסיכישע שטרעבונגען איז:

אויסגלייכונג, זיכערקייט, טאָטאַלקייט. דער הויפּט־ציל אין לעבן איז די שטרעבונג צו באַזיגן און צו דערהויבן זיך איבער די מיכשולים און בייצוקומען דאָס מינדערווערטיקייטס־געפיל, וואָס פליסט אַרויס פון דער נישט־שלימותדיקייט פון אונזער קערפּער. דער דאָזיקער קערפּער איז נישט נאָר שלעכט צוגעפּאַסט צו די אויסערלעכע באַדינגונגען פון לעבן. ער אונטערליגט אויך די געזעצן פון קראַנקייט און טויט. די קאָסמישע געזעצן פון אַנטשטיין און פאַרגיין דערמאָנען דעם מענטשן אין זיין אייגענער נישטיקייט און קליינקייט. מיט דעם דאָזיקן קאָסמישן געפיל פון מינדערווערטיקייט ווערן מיר געבוירן. יעדער איינער חזרט איבער די פילאָגענעזע. נאָר אין דער פאַרבינדונג מיט דער געמיינזאַמקייט קאָנען מיר גובר זיין דעם טויט, די פאַרגענגלעכקייט, דאָס פאַלשטענדיקע פאַרשווינדן. די פאַרבינדונג מיט דער געמיינזאַמקייט זאָגט אונז צו דאָס אייביקע לעבן אין דער־דאָזיקער געמיינזאמקייט: אינם שאַפן, וואס איז נאָר מעגלעך אין דער געמיינשאפט, געפינען מיר די אומשטערבלעכקייט. דאָס געמיינשאפט־געפיל מילדערט די שרעק פאַרן טויט. דאָס געפיל פון נישט־שלימותדיקייט ווערט דער מאָטאָר צו די גרעסטע לייסטונגען.

## ירושהדיקייט און באַגאַבונג

אַדלערס לערע פון אָרגאַנען ־ מינדערווערטיקייט און קאָמפּענסאַציע וואַרפט אַ נײַ ליכט אויפן הערעדיטעטס־פּראָבלעם. זי גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז עס איז פאַראַן פיזישע הערעדיטעט אָבער נישט קיין פּסיכישע.

דאָס, וואָס מיר זענען געוווינט אָפט צו הערן פון פאַרשידענע מענטשן: אַז דעם אָדער יענעם כאַראַקטער־שטריך האָט דאָס קינד געירשנט פון זיינע עלטערן, איז אין תוך גענומען מער נישט ווי אַן אויסדרוק פונם קינדס פּערזענלעכער פינאַליטעט. אָט למשל, אַ קינד איז אימפּולסיוו, נישט־געדולדיק, אַ כעסן. ער טעראָריזירט די גאַנצע סביבה. די מוטער זאָגט: „ער געראָט אַריין אין טאַטן". ד. ה. אַז דער פאָטער איז אויך אַ כעסן, אַן אומגעדולדיקער מענטש, אַזאַ מין אויסטייטשונג איז באמת אַ גאַנץ באַקוועמע. מען קאָן לייכט מאַכן די גרויזאַמע ירושה־געזעצן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אייגענע פאַלשע דערציונגס־מעטאָדן. קעגן אַן איינגעבוירענער זאַך קאָן מען גאָר נישט אויפטון. אָבער דער ענין איז ווייט נישט אַזוי, ווי עס דאַכט זיך פיל מענטשן אויס. דאָס קינד, צוזעענדיק זיך אינדערהיים צום פאָטערס התנהגות, וועלכער טעראָריזירט די גאַנצע משפחה דורך זיינע צארן־אויסברוכן און געוועלטיקט ביד־רמה איבער זיינע בני־בית, קומט עס צו דער איבערצייגונג, אַז הערשן, געוועלטיקן, באַקומען אָנזען, קאָן מען דערגרייכן דורך צאָרן־אויסברוכן. און דאָס קינד הויבט אָן צו גיין אין פאָטערס דרכים, אים נאָכמאַכן

„ווײל מען, אַז אַלע זאָלן פאַר מיר מורא האָבן, ווײל מען אַלע אַדורכזועצן, מוז מען זײן, ווי דער טאַטע". אַזוי אַרום לעבט זיך דאָס קינד אײן ביודעים און בלא־יודעים אין דעם פאָטערס אײגנ־שאַפטן. פאַרשטײט זיך, אַז דאָס קינד טראַכט נישט און דענקט נישט פונקט מיט די ווערטער, ווי מיר האָבן אים אַרײנגעלײגט אין מויל אַרײן. און טוט דאָס אַלץ נישט נאָך אַ קאַלטן ישוב־הדעת, אָבער דעם זין פון קינדס פאַרהאַלטן זיך און התנהגות דערגײען מיר נישט אויפן יסוד פון זײנע געדאַנקען, נאָר דורך זײנע טאַטן, דורך זײן פערזענלעכער פּינאַליטעט, וועלכע דריקן זיך אויס אין זײנע האַנדלונגען און מעשים אין לעבן.

וואָס איז אָבער שײך דאָס ירשנען פון געוויסע קערפּערלעכע דעפעקטן, מוז ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז אמת טאַקע קינדער ירשנען פון עלטערן מינדערווערטיקע אָרגאַנען, אָבער נישט די קראַנקײט גופא, נאָר די דיספּאָזיציע צו דער קראַנקײט (ווי מיר טרעפן אָפט בײ טובערקולאָזע) און אוודאי ירשנט מען נישט די קאָמפּענסאַציע, דעם פּסיכישן איבערבוי, וואָס די קאָמפּענסאַציע איז גורם. למשל: דער זײדע האָט געליטן פון אַן אויגן־קראַנקײט און דורך אַ געלונגענער איבער־קאָמפּענסאַציע האָט ער דעם קערפּערלעכן מינדערווערט פאַרוואַנדלט אין אַ איבערווערט־ווערט — ער איז געווען אַ מאָלער. דער זון האָט געירשנט דעם פאָטערס מינדערווערטיקן זע־אָרגאַן. די קאָמפּענסאַציע איז געווען אַ נישט־געלונגענע. און ער האָט געליטן פון היסטערישע אָנפאַלן, און די קרענקלעכע סימפּטאָמען האָבן זיך אויסגעדריקט אין מאָמענטנווײזן פאַרלירן די ראיה. דאָס אײניקל איז געווען „אַ ביכער־וואָרם". ווי מיר זעען פון דעם פאַל, איז נישט דעצידירנדיק דער עצם פאַקט פון ירשנען מינדערווערטיקע אָרגאַנען, נאָר די שטעלונג, וואָס דער אינדיוויד נעמט אָן לגבי זײן קערפּערלעכן מום. אָפּהענגיק איז אַלץ פון דעם מוט, פון גלויבן. ווי זאָגט אַדלער: „נישט דאָס וואָס דער מענטש ברענגט מיט זיך מיט אויף דער וועלט, איז דע־צידירנדיק — וויכטיק איז נאָר דאָס, וואָס ער מאַכט דערפון".

אויב דאָס קינד מיט אַ שוואַכן זע־אָרגאַן באַקומט פון זײנע

עלטערן אונטערשטיצונג, ליבע, דערמוטיקונג, קאָמפענסירט עס דעם מינדערווערטיקן אָרגאַן. ווי באַלד אָבער דאָס קינד באַקומט אָנצוהערן פון די עלטערן און דערציער, אַז צוליב זיינע שוואַכע אויגן איז עס נישט באַגאַבט צו צייכענען, איז, דאַכט זיך, נישט קיין ווונדער, אַז אויפן געביט פון צייכענען ליידט דאָס קינד דורכפאַלן אין דער שולע.

וואָס איז ווייטער שייך דאָס ירשנען נייראָטישע קאָנפליקטן און קראַנקייטן, וואָס איז שכיח זייער אָפט, איז דער ענין אַ־זעלכער: די קינדער פון נייראָטיקער איז שוין דער בלויזער נייראָטישער, פעלערהאַפטער דערציונגס־סיסטעם מחייב צו נייראָטישע קאָנפליקטן. אויך „די נייראָטישע משפחה־טראַדיציע" קאָן פאַרן קינד זיין אַן אָביעקט פון נאָכאַמונג. די הערעדיטעטס־היפאָטעזע קאָן ווערן אָנגענומען נאָר דאָרטן, ווו עס זענען פאַראַן פיל פאַלן פון גלייכאַרטיקע פסיכישע קראַנקייטן, וועלכע ציען זיך שוין אייניקע דורות, און די קראַנקייטס־געשיכטעס זענען בפרטות באַשריבן געוואָרן.

די אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגיע לייקנט נישט, ווי אַ טייל מיינען בטעות, אין איינגעבוירענע פאַקטאָרן. זי זעט זיי אַזוי גוט, ווי אַלע אַנדערע באַמערקן זיי. זי זעט זיי אָבער אין אַן אַנדער ליכט, אַלס טייל פון פערזענלעכן פינאַליזם. יעדער מענטש אַנטוויקלט די פעיקייטן, וועלכע שטייען אין איינקלאַנג מיט זייער פערזענלעכן לעבנס־ציל. איבערדעם שטעלט די אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגיע דעם טראָפּ נישט אויף דער אַנלאַגע און דיספּאָזיציע, נאָר אויף דער שטעלונג, וואָס דער אינדיוויד נעמט אָן לגבי זיינע פעיקייטן און אומפעיקייטן, וועלכע דריקן זיך אויס נישט אין דער באַגאַבונג, נאָר אין דער לייסטונגס־קוואַליטעט.

באַאיינפלוסן פעדאַגאָגיש איז נאָר מעגלעך די שטעלונג, די באַציונג פון מענטש צו זיינע פעיקייטן, וועלכע קאָנקרעטיזירן זיך אין מוט, גלויבן און טרענינג. די איינגעבוירענע פאַקטאָרן קאָן מען לחלוטין נישט באַאיינפלוסן פעדאַגאָגיש. זיי זענען פון פסיכאָלאָגישן זין נישט פאַרשטענדלעך. איבערדעם שענקט די אינדי־

ווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, נאָר יענע פאַקטאָרן, וועלכע מען קאָן באַאיינפלוסן דערציעריש.

פון דער באַגאַבונגס־טעאָריע פליסן אַרויס טונקעלע קוואַלן פון פּעדאַגאָגישן פּעסימיזם. פעיקייטן, פרעדיקן די באַגאַבונגס־טעאָרעטיקער איז אַ מתנה פון הימל. נישט יעדער, וואָס וויל, קאָן די האַנט אויסשטרעקן און נעמען. נעמען קאָן נאָר דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט דער דאָזיקער מתנה פון הימל. קעגן אָט דער „באַגאַבונגס־לעגענדע" טרעט די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אַרויס אַמשאַרפסטן, ווייל דאָס מאַכט אָן חורבות אין דער דערציונג און איז גורם, אַז אויף דער וועלט זאָלן זיך מתרבה זיין נעבן־מענטשן — קרבנות פון דער באַגאַבונגס־לעגענדע. אמת, אַז דער אויפגעבלאָזענער חל־המועדיקער אָפּטימיזם, אַז דער, וואָס וויל קאָן אַלץ קענען, איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. אָבער ווען מיר ווענדן אָן דעם דאָזיקן אָפּטימיזם אין דער דערציונג און אין לימוד, באַגיין מיר אַ קלענערן טעות, ווי מיר וואָלטן אָנגעוואָנדן די באַגאַבונגס־טעאָריע. דאָס באַהאַנדלען יעדעס קינד גלייך, ווי עס איז ביכולת אַלץ זיך אויסלערנען, איז ווינציקער שעדלעך און טעותדיק דערציעריש, ווי מיר וואָלטן עס געמאָסטן מיט דער באַגאַבונגס־מאָס און צו אים געזאָגט: „צו רעכענען און צייכענען ביסטו נישט באַגאַבט", אויב עס גייט וועגן אַ קלענערן טעות, האָט שוין אַדלער געזאָגט: „אונזער גאַנצע אַרבעט באַשטייט פון רעדוצירן גרויסע טעותים צו קליינע".

צו קאָן עמיצער זיך אונטערנעמען קאָנסטאַטירן און זאָגן בפה־מלא: צו וואָס אַ קליין קינד איז פעיק? וואָס מיר קענען יאָ קאָנסטאַטירן, זענען לייסטונגען, מעשים אין וועלכע עס שטעקט, בלי ספק, אַ חוץ באַגאַבונג אויך דער „מוט־טרענירונגס־קאָמפּלעקס" (בירענבוים) די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע משפּט קיינעם נישט לויט זיינע באַגאַבונגען, נאָר לויט זיינע מעשים און טאַטן. פונקט ווי עס איז אַ טעות, אַז מען קאָן יעדעס קינד מאַכן פאַר אַ מאָלער, אַ מוזיקער, אַזוי איז אויך אַ טעות צו באַטראַכטן יעדעס קינד פאַר נישט באַגאַבט פאַר מאָלעריי און מוזיק.

אורטיילנדיק טיילמאָל וועגן די לייסטונגס־קוואַליטעטן פון

אַ מענטש, איז שווער צו זאָגן: וואָס אין זיי שטעקט מער באַגאַ־בונג, אָדער מוט און טרענינג. איינס איז זיכער קלאָר ווי דער טאָג, אַז דורך מוט און טרענינג קאָן מען פון אַ מינדערוווערט מאַכן אַן איבערוווערט. אָבער יעדע פעיקייט קאָן גיין לאיבוד, ווען זי ווערט נישט אַנטוויקלט, ווען עס פעלט מוט און גלויבן. נאָר דער דערציער, וועלכער האָט דעם „באַגאַבונגס־אַבערגלויבן" ביי זיך ליקווידירט, קאָן זיין אַ גוטער דערציער. דער הויפּט־כלל איז די דערציונגס ענינים איז: „באַצי זיך צו יעדן קינד, ווי ווען עס וואָלט געווען באַגאַבט."

## דאָס מיליע

איינע פון די פאַקטאָרן, וועלכע באַאיינפלוסן און געשטאַל־טיקן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער, איז דיווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע לאַגע פון דעם מיליע, ווו דאָס קינד לעבט און אַנט־וויקלט זיך. קיין ספק נישט, אַז קינדער פון רייכע עלטערן האָבן בעסערע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, ווי די קינדער פון אָרעמע טאַטע־מאַמע. די קלאַסנקעגנזאַצן ווערן דורכן קינד גאַנץ פרי, — שפּעטסטנס ביים איינטריט אין דער שולע, דערקענט. דאָס קינ־דישע מינדערווערטיקייטס־געפיל ווערט דורך דעם פאַקט, אַז זיינע רייכערע קאָלעגן זענען שענער אָנגעטון און בעסער דער־נערט, פאַרשאַרפט.

זייער פרי באַקענט זיך דאָס פּראָלעטאַרישע קינד מיט די טונקעלע זייטן פון לעבן. די ווירטשאַפטלעכע נויט ווירקט אויפן קינד, ווי אַן אָרגאַנישע מינדערווערטיקייט. דאָס פּראָלעטאַרישע קינד ענטפערט אויף דער ווירטשאַפטלעכער נויט מיט אַ פאַר־שטאַרקטערן דראַנג נאָך מאַכט און אָנזען. עס ווערט לייכט אַנט־מוטיקט. שווער איז דאָס פרײדלאָזע דאַזיין פון פּראָלעטאַרישן קינד. מען איז דאַמאָלס פריילעך, ווען אין שטוב איז דאָ אַ שטיקל ברויט. וועגן שפּילצייגן, נאַשוואַרגן איז דאָך אָפּגערעדט. שוין פרי לערנט דאָס פּראָלעטאַרישע קינד פאַרציכטן, רעזיגנירן, מוותּר זיין. יעדע פאַרציכטונג איז גורם, אַז דאָס מינדערווערטי־קייטס ־ געפיל ווערט אויפגעבלאָזן, און גלייכצייטיק ווערן דורך דעם קינד איבערגעשאַצט די תּענוגים פון די רייכע. רייכטום

ווערט אָוועקגעשטעלט אויף דעם העכסטן פּיעדעסטאַל. ליידיק־גייעריי, תענוגים ווערט דער העכסטער אידעאַל. דאָ זענען גע־שילדערט עקסטרעמע נישט ־ גינסטיקע פאַלן. זייער אָפט וואַקסן אַרויס פון דער טיפסטער פּראָלעטאַרישער נויט ווערטפולע גע־וויקסן. געלינגט עס די עלטערן, טראָץ זייער טאָג־טעגלעכע דאגות אונטערצוהאַלטן דעם מוט פון קינד, קאָמפּענסירט זיך דאָס אַר־בעטער־קינד שנעל. ווער שמועסט נאָך, אַז דאָס אַרבעטער־קינד באַקומט אַן אמתדיקע געמיינשאַפטלעכע, סאָציאַליסטישע דער־ציונג, ווערט עס נישט אַזוי לייכט אַנטמוטיקט. דאָס קינד פילט זיך נישט איינזאַם, פאַרלאָזן, נאָר אַ טייל פון דער גרויסער פּראָ־לעטאַרישער מחנה, וועלכע שטרעבט אויפצובויען אַ שענערע און בעסערע צוקונפט. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל שטאַרקט דעם קינדס זעלבסט־געפילן און מאַכט שווייגן דאָס מינדערווערטי־קייטס ־ געפיל. עס לערנט זיך שעצן די אַרבעט און באַפליגלט מיט דעם סם־החיים, מיט דעם געמיינשאַפט־געפיל, וואַקסט עס אויף אַ ווערטפולער מיט־מענטש. די האַרטע לעבנס־באַדינגונגען שמידן אויס פעסטע כאַראַקטערן.

ווען מיר רעדן וועגן דעם איינפלוס פון די סאָציאַל־עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען אויף דער נשמה פון קינד, טאָר מען נישט פאַרבייגיין בשתיקה אויך דעם קעגנזאַץ. די ווירקונג פון גוטעווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. די גבירישע קינדער וואַקסן אויף אין אַ סביבה, וועלכע פאָדערט נישט קיין וויתורים און פאַרציכ־טונגען. פון קיין אַרבעטס־צוואַנג ווייסט עס לגמרי נישט. ווי דער שטייגער איז ביי רייכע, גיט מען זיך צופיל אָפּ מיטן קינד. מען העלפט אים צופיל צו. דאָס ביסל געמיינשאַפט־געפיל, וואָס דאָס קינד פאַרמאָגט, ווערט דורך דער פעלערהאַפטער דערציונג פון דער רייכער סביבה אויסגעלאָשן. דעם קינד פון רייכע עלטערן פעלט גאַנץ אָפט די ריכטיקע באַציונג צו דער אַרבעט. איבערדעם ווערט דאָס קינד זייער שפּעט זעלבסטשטענדיק. עס איז נישט געניג גרייט צום לעבנס־קאַמף. עס באַטראַכט די אַלע מענטשן, וואָס אַרבעטן אין פאַטערס פאַבריק, ווי עפּעס מענטשן פון דער צווייטער מדרגה. אין גינסטיקע פאַלן, ווען דאָס רייכע קינד פאַר־

מאָגט געגנוג מוט, קאָן עס נישקשהדיק לייסטן טיילמאָל אויך אויפן וויסנשאַפטלעכן, אָדער אויפן קינסטלערישן געביט.

אין זייער נישט קיין גינסטיקע באַדינגונגען לעבט דאָס קליינבירגערלעכע קינד, ווו די שפורן פון דער מיטלאַלטערלעכער פאַמיליען־טראַדיציע זענען נאָך קענטיק. דאָס קינד האָט אויס־צושטיין שווערע נסיונות מצד זיינע ערגייציקע עלטערן, וועלכע שטרעבן מיט כל־הכוחות, אַז זייער קינד זאָל ווערן אויפגענומען אין די רייכע קלאַסן. מען פאַרלאַנגט פון קינד צו גרויסע לייסטונ־גען, עס מוז באַקומען תמיד דאָס בעסטע שול־צייגניש. עס מוז זיין דאָס ערשטע אין דער קלאַס. ווי די דערפאַרונג לערנט אָבער: פאַרלירן די דאָזיקע קינדער, ביים קלענסטן דורכפאַל, זייער לייכט דעם מוט און דעם זעלבסט־צוטרוי, און אַזוי אַרום פאַרגרע־סערן זיי די מחנה נעבן־מענטשן.

ווי מיר זעען: איז אין דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג נישט בנמצא קיין איין קלאַס, ווו די אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען פון קינד זאָלן זיין איבעריק גינסטיק. מיר לעבן היינט אין אַ איבערגאַנגס־תקופה און אַ קריזיס־צייט. מיר מוזן שטרעבן, אַז דער קריזיס זאָל, וואָס שנעלער פאַרשווונדן ווערן. צוריקגיין קאָנען מיר נישט, מיר מוזן אַלע שטרעבן פאָרווערטס!

## די משפחה-קאָנסטעלאַציע[1]

די משפחה איז דער ערשטער סאָציאַלער קערפּער מיט וועמען דאָס ניי־געבוירענע קינד קומט אין באַרירונג. פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון מענטש האָט אַ גרויסע באַדייטונג די שטעלונג, וואָס ער פאַרנעמט אינערהאַלב פון דער משפחה. יעדעס קינד פאַרנעמט אַן אַנדער פּאָזיציע אין דער פאַמיליע, יעדער פון די ברידער און שוועסטער פאַרמאָגט אַנדערע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. דער פאַקט, אַז כמעט אַלע בני־יחידימלעך פאַרמאָגן בשותּפותדיקע כאַראַקטער־שטריכן, און אַלע ייִנגסטע קינדער פאַרמאָגן קרובישעס צווישן זיך, באַווייזט בולט ווי ווייט עס באַאיינפלוסט די משפחה־קאָנסטעלאַציע דעם מענטשנס כאַראַקטער. פאַר דער געשטאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט האָט אַ גרויסע באַדייטונג, צי דאָס קינד איז דאָס עלטסטע, איינציקסטע, מיטלסטע, אָדער ייִנגסטע.

אַ שווער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר די דערציונג פון איינציקן קינד. דער פאַקט, אַז די בני־יחידימלעך זענען זייער אָפטע געסט אין די וואַרטע־צימערן פון די נערוון־דאָקטוירים, באַווייזט, אַז זייער פּאָזיציע אין דער משפחה איז נישט אַזאַ גינסטיקע. דערצויגן אין אַ סביבה פון בלויז גרויסע מענטשן, פילט דאָס בן־יחידל ווייטאָקדיק זיין הילפלאָזיקייט און די נויטיקייט פון שוץ מצד די עלטערן. ווי דער שטייגער איז, ווייזן די עלטערן אַרויס צו דעם איינציקן קינד זייער איבערגעטריבענע זאָרג און צערטלעכקייט. פון אַלע זייטן העלפט מען דעם בן־יחידל

צו אין זיין אַרבעט, אַזוי אַרום ווערט אונטערגעגראָבן די זעלבסט־שטענדיקייט פון קינד.

די בני־יחידימלעך טעראָריזירן די סביבה און דולדן נישט קיין אַנדערע געטער נעבן זיך. פאַר דעם איינציקן קינד איז קיין ספק נישט, אַז די עלטערן זענען באַשאַפן, כדי זיי זאָלן תמיד זיין צו זיין דיספּאָזיציע און גרייט זיין אויף יעדן ווונק צו זיין דינסט. זיי פילן זיך אומגליקלעך, ווען מען גיט זיך מיט זיי נישט אָפּ, ווען מען שענקט נישט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זייער מאַ־יעסטעט. זיי ווילן אומעטום גילטן פאַר אַן אויסנאַם, פון אַנדער פלייש און בלוט אויסגעקנעטן. זיי האָבן שטאַרק מורא פאַר קאָנ־קורענץ און זענען לייכט מוותר אַזעלכע לייסטונגען און דער־פאָלגן וועלכע מען מוז דעראָבערן דורך קאָנקורענץ ־ קאַמף. די איינציקע קינדער זענען די שווערסטע טיפן אין דער משפחה־קאָנסטעלאַציע. צווישן זיי רעקרוטירן זיך די גרעסטע צאָל ניי־ראָטיקער און שווער־דערציערישע קינדער.

קומט אַ צווייט קינד אויף דער וועלט, ווערט די פּאָזיציע פון בן־יחידלס אַליינהערשאַפט באַדראָט. ער פילט זיך דעטראָניזירט. דורך העפטיקע אויסברוכן פון כעס און אייפערזוכט באַמיט ער זיך צו דערהאַלטן זיין באַדראָטע פּאָזיציע. דער געדאַנק, אַז מען מוז זיך טיילן מיט דער עלטערן־ליבע, מיט דעם ייִנגערן ברודערל, ברענגט אים אַרויס פון די כלים. ער פילט זיך, גלייך ווי ער וואָלט פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן. ער גייט אַרום אַ פאַרבי־טערטער און דער וואָרעם פון מינדערווערטיקייטס־געפיל טאָ־טשעט אָן אויפהער אין דער קינדערישער נשמה. אַזעלכע קינדער זענען זייער עמפּינדלעך, זעען אומעטום שפלותן, באַליידיקונגען און דערנידריקונגען.

שווער איז די לאַגע פון בכור. ער מוז תמיד זיין דער „קלו־גער" און מוותר זיין פון זיינע רעכט לטובת די ייִנגערע, און דער עיקר, ער מוז דינען אַלס ביישפּיל פאַר די ייִנגערע שוועסטער און ברידער. זייער אָפט שפּילן די עלטסטע די אויטאָריטעטס־ראָלע און טיראַניזירן די ייִנגערע קינדער. זיי ווילן זיך, אַפּנים, אָפּנעמען פאַר די שפלותן, וואָס זיי אַליין האָבן געליטן פון די

שטרענגע דערציונגס־מעטאָדן פון זייערע עלטערן. און זיי באַציען זיך צו זייערע ייִנגערע ברודער, ווי אַ מאָל די עלטערן צו זיי.

די עלטסטע האָבן אַ טבע צו באַמערקן די קלענסטע פעלער, וואָס זיי זעען ביי זייערע ייִנגערע ברידער. זיי איז אויך נישט פרעמד דאָס פאַרמסרן די ייִנגערע פאַר די עלטערן און לערער. דער בכור איז בטבע קאָנסערוואַטיוו. פון נייע זאַכן האַלט ער קנאַפּ. ער האָט ליב צו קריטיקירן יעדע נייע דערשיינונג. זיי האַלטן גאָר שטאַרק פון אויטאָריטעטן און פאָדערן רק אַ שטאַרקע פויסט. דאַכט זיך, נישט קיין שלעכט מאַטעריאַל פאַר פאָליציי־לייט און באַאַמטע.

דאָ, פאַרשטייט זיך, זענען געשילדערט עקסטרעמע פאַלן. אין גינסטיקע באַדינגונגען ווערט דער בכור גיך רייף. אַנטוויקלט זיך ראַשיק שנעל, ווערט פרי זעלבסטשטענדיק. אונטערשטיצן אוג דערמוטיקן די עלטערן דעם בכור, אַנטוויקלט זיך ביי אים דאָס פליכט געפיל, ליבע צו אָרדענונג און סדר.

פון דעם געזאָגטן קאָן מען זיך שאַפן אַ בילד וועגן דער לאַגע פון צווייט־געבוירענעם. ער האָט אויסצושטיין אַ שטאַרקע קאָנקורענץ מצד דעם עלטסטן. ער ווערט זיך מיט כל־הכוחות קעגן דעם געפיל פון שוואַכער זיין. דער פאַקט, אַז נישט אַלץ, וואָס דער בכור קאָן באַווייזן און אויפטון, קאָן ער אים נאָכטון, פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון זיין אומווערט. ער פילט זיך שפּל־דיק, קליין לגבי דעם עלטערן ברודער. אין פיל פאַלן באַמיט ער זיך אים איבערצויאָגן, דעם בכור, און עס גייט אַוועק אַ וועט־קאַמף. דאָס איז די סיבה, וואָס ס׳רוב צווייט־געבוירענע זענען אַקטיווער הן אין נעגאַטיוון, און הן אין פּאָזיטיוון זין.

דער אויסגאַנג פון קאַמף צווישן די ברידער איז אָפּהענגיק פון דער סביבה. באם דער מוט איז דער בונדעס־חבר פון ייִנגערן, רעזיגנירט שנעל דער עלטערער און פאַרקויפט די בכורה, פונקט ווי עשו אין דער ביבל. דער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די ברידער שפּיגלט זיך בולט אָפּ אויף דער שול־באַנק. אויף דעם געביט, ווי איינער איז שוואַך, וועט זיך דער צווייטער אויסצייכענען.

גאַנץ נישט פויגלדיק, אין דערציערישן זין, איז די פּאָזיציע

פון בן־זקינמל אין דער משפחה. צו זיין דער יינגסטער איז נישט קיין וואַזשנע משא־ומתן. זיין דער יינגסטער, הייסט גלייכצייטיק צו זיין דער קלענסטער און שוואַכסטער. אַלע אַרום זענען שוין גרויס, דערוואַקסן, נאָר ער אַליין איז קליין און שוואַך. אַלע האָבן מיטלייד אויף אים, אַלע האַלטן זיך פאַר אַ מצווה אים צוצוהעלפן אין דער אַרבעט. דער פועל־יוצא איז נישט קיין גאַנץ פריילעכער: ער ווערט מוטלאָז, נישט־זעלבסטשטענדיק, ווייניק לעבנס־פעיק, אָן איניציאַטיוו. מען מוז פאַר אים תמיד זאָרגן, מען מוז אים אונטערשטופּן אין לעבן.

דאָ האָבן מיר געשילדערט איין זייט פון דער מטבע, אין גינ־סטיקערע פאַלן אַנטשטייט דער קעגנזעצלעכער טיפּ, וועלכן מען קאָן באַצייכענען מיטן נאָמען „העלדן־טיפּ”, עס איז אינטערעסאַנט פון פעלקער פסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אַז פיל, מיטן, לעגענדן שענקען גראָד די העלדן־ראָלע דעם יינגסטן. אין דער ביבל און אין פיל אַנדערע קולטור־דענקמעלער געפינען מיר די זעלבע טענדענץ. פאַרמאָגט דער יינגסטער גענוג מוט און גלויבן אין זיך, ווערן זיינע אָנשטרענגונגען זיך צו באַפרייען פון דער שפלותדיקער סיטואַציע געקרוינט מיט דערפאָלג. עס אַנטוויקלט זיך ביי אים אַ קריגערישע לעבנס־איינשטעלונג, אַ רעוואָלוציאָנערע אַמביציע, וועלכע שטופּט אים כסדר פאָרויס. ער רוט נישט. ער איז קיינ־מאָל נישט זאַט. זיין זעלבסט ־ געפיל שטייט תמיד אויף דער וואַך. באַדייטנדיקע פּאָליטישע פירער, קאַמפּס ־ נאַטורן, ווירטשאַפטלעכע דעראָבערער, פינאַנץ ־ קעניגן זענען פון דעם טייג אויסגעקנאָטן. די יינגסטע, וועלכע גייען אין די דאָזיקע דרכים, זענען געוואַלטיק אַמביציעז. און כדי צו פאַרווירקלעכן זייער ציל, זענען זיי מוכן־ומזומן צו שפּרייזן איבער טויטע קערפּערס. זיי האָבן ליב דעם קאַמף לשם קאַמף. זיי זענען בטבע גרויסע חוצפּהניקעס, אַוואַנטוריסטן, אויטאָריטעטס ־ שטירצער. זיי צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין איבריק חבריש געפיל. ווי די געשיכטע לערנט אונז, רעקרוטירן זיך די גרעסטע רעוואָ־לוציאָנערן פון די יינגסטע קינדער.

די אַנטוויקלונג פון יינגסטן, אין דער ערשטער אָדער אין

דער צווייטער ריכטונג, איז, נאַטירלעך, נישט קיין צופאַל. די אַנטוויקלונג הענגט אָפּ פון דער געשטאַלטונג פון די איבריקע לעבנס - באַדינגונגען פון קינד.

די אַלע פאַקטן ווייזן בולט, ווי ווייט די קלענסטע דעטיילן פון מענטשלעכן כאַראַקטער ווערן שוין געשטאַלטיקט אין די ד׳ אמות פון דער פאַמיליע. די לעבנס - ליניע פון אַ מענטש ווערט באַאיינפלוסט פון דער פּאָזיציע, וואָס דאָס קינד פאַרנעמט אינער־האַלב אין דער משפחה, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סביבה, מיט דער געמיינזאַמקייט קאָן מען פאַרשטיין די האַלטונג, דעם כאַראַקטער פון אַ מענטש.

## לעבנס - דריי - ווינקל

פאַר דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז דאָס געמיינשאַפט־געפיל, די מאָס פאַר אַלע ווערטן. נאָר דאָס, וואָס איז אַלגעמיין גילטיק, נוצלעך, האָט אַ קיום אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט, אַלעס אַנדערע פאַרגייט, פאַרשווינדט. נאָר אַזעלכע לייס־טונגען, וואָס ווערן איינגעגלידערט, איינגעלייבט אין דער געמיינ־זאַמקייט, זענען אומשטערבלעך, דער צאָן פון דער צייט איז אין זיי נישט שולט. אַלע גייסטיקע פעיקייטן קאָנען נאָר אַנטוויקלט ווערן אין די ראָמען פון דער מענטשלעכער ־ קאָאָפּעראַציע. די טויזנטער „איך"־וואַריאַנטן קאָן מען אונטערשיידן איינעם פון צווייטן נאָר דורך דער מאָס פון געמיינשאַפט ־ געפיל, וואָס זיי פאַרמאָגן.

דאָס לעבן איז האַרט, אכזריותדיק, עס וויל נישט וויסן פון קיין „אַנטשולדיקונגען". נישט אמת, אַז דאָס לעבן איז אַ שולע, לערנט מאַכן דערפאַרונגען. לערנען קאָן נאָר דער, וואָס האָט אַ באַציונג צום שילער־אָביעקט, קען אויך נעמען אין אַכט מילדערנ־דיקע אומשטענדן. דאָס לעבן ווייסט פון דעם אַלעמען נישט. עס קאָנסטאַטירט און ווייזט אויף דעם אייביקייטס־זייגער אונזערע דערפאָלגן און מיסדערפאָלגן. אַ מענטש קאָן טויזנטער מאָל איי־בערחזרן דעם זעלבן פעלער און דאָס ספינקס־געזיכט פון לעבן בלייבט שטאַר.

ביי דעם גאַנצן הערא̈ישן לעבנס־אָפּטימיזם, וואָס קוואַלט אַרויס פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, איז זי אויף קיין איין מינוט נישט מסיח־דעת פון די לעבנס־שווערקייטן און מיכשולים. זי וויל קיינעם נישט איינשמועסן, אַז אונזער דאָזיין איז העל און ראָז. גאָטס־וועלט איז אַ גן־עדן התחתון. שווערקייטן זענען באַ־

שאַפן, כדי זיי איבערצוווינדן. שווערקייטן איבערווינדן הייסט: לעזן די לעבנס־אויפגאַבן. דאָס גאַנצע ביסל גליק, וואָס דער מענטש איז ביכולת צו דערוווערבן אויף אונזער בידנעם ־ כדור, איז אָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי דער מענטש וויקלט זיך אויס פון זיינע לעבנס־התחייבותן. דריי זענען זיי דאָס די לעבנס ־ אויפּ־גאַבן, די רעפּרעזענטאַנטן פון די געמיינזאַמקייטס־פאָדערונגען:

ו. אַרבעט און באַרוף.

דאָס באַרופס ־ פּראָבלעם ווערט פון ס'רוב מענטשן, מער אָדער ווייניקער, געלעזט, ווייל פון דער דאָזיקער לעזונג איז אָפּ־הענגיק די עקזיסטענץ פון מענטש. כדי זיך אויסצוקעמפן אַ שטיקל אחיזה און באַזע אין לעבן, מאָביליזירט יעדער יחיד די רעשטלעך פון זיין קאָאָפּעראַציע־פעיקייט, נאָר גאַנץ מוטלאָזע מענטשן קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די פראַגן פון אַר־בעט און באַרוף.

אונטערן באַגריף פּראָפעסיע, באַדאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן דוקא אַזאַ טעטיקייט, וועלכע איז פאַרבונדן מיט געלט־באַ־לוינונג, נאָר אויך אַזאַ אַרבעט ווי למשל: די פרייוויליקע ווירט־שאַפטלעכע טעטיקייט פון אַ פרוי אין הויז, און בכלל יעדע אַר־בעט, יעדע טעטיקייט, וואָס ברענגט אַ נוצן דער געמיינזאַמקייט. דאָס שניידן קופּאָנען און נעמען דיווידענדן דורך אַקציאָנערן קאָן מען בשום אופן נישט אָנרופן באַרופס־אַרבעט. אָבער די פאַרבאַ־רייטונגס ־ אַרבעט צו אַ געוויסער פּראָפעסיע קאָן מען אָנרופן באַרופס ־ טעטיקייט.

דאָס פּראָבלעם פון אַרבעט איז ביי אַ גרויסן טייל מענטשן געקניפּט און געבונדן מיט דער פּרעסטיזש ־ פּראַגע. זיי ציטערן און פלאַטערן טאָמער קאָן חס ושלום, די אָדער יענע אַרבעט איינריכטן זייער „יחוס־שלאַמפּער״. זיי ווילן אויסנוצן די פּראָ־פעסיע אלס בליק־אָפּלייזער פאַר זייער שוואַכן איך־געפיל. ווי דער שטייגער איז, זוכן זיי אויס אַזאַ אַרבעט, ווו מען קאָן אויס־שפּילן די גאַנצע פּערזענלעכע ערגייץ גאָמע. אויב די אַרבעט ליפערט נישט די נויטיקע פּאָרציע פּרעסטיזש, פילט מען אַ ווי־דערווילן צו איר און כלעריי המצאהלעך און אונטערגענגלעך

ווערן געלאָזט אין גאַנג, כּדי זיך אַרויסצודרייען פון דער דאָזיקער אַרבעט. מיט דעם קמיעלע פון קאָפּ־ווייטאָק, שלאָפלאָזיקייט, קרעמפּן ביים שרייבן פועלט מען זיך אויס אַן אייביקן אורלויב. די מיטליידס־זיפּצעלעך פון באַקאַנטע און פריינט „די אַרבעט איז נישט פאַר דיר, דו ביסט נעבעך צו שוואַך צו אַזאַ אַרבעט", דינט ווי באַלזאַם אויף דעם שוואַכן זעלבסט־געפיל, און בשעת מעשה גיט מען צו מיט אַ געקינצלט ערגייץ ־ שמייכעלע: „ווען איך וואָלט נישט געליטן פון שלאָפלאָזיקייט, וואָלט איך גאַנץ ווייט דערגאַנגען, און זיכער נאָמינירט געוואָרן אַלס דער הויפּט־לייטער פון דער פאַבריק". פאַר פאַראַכטונג מצד דער געזעלשאַפט, איז מען שוין, דאַכט זיך, אַסעקורירט.

טיילמאָל איז גאָר די סיבה פון דעם אַנטלויפן פון דער אַרבעט, די מורא פאַר דורכפאַלן. יעדע אַרבעט ווערט באַטראַכט ווי אַ מין עקזאַמען, ווו עס זענען שכיח דורכפאַלן. ווו און ווען זענען דער נישט שכיח קיין דורכפאַלן, אויב מען צווייפלט אין די אייגענע כּוחות? טייל גאָר זענען מסביר זייער ווידערווילן צו דער באַרופס ־ אַרבעט מיט אַזאַ מין אַרגומענט: „טאָמער האָבן לייטן נישט געוווסט פון מיין לאָ־יצלחדיקייט און געגלויבט אין מיינע פעיקייטן, וועלן זיי זיך יעצט איז דעם ליכט פון מיין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט דערוויסן דעם נאַקעטן אמת: אַז איך בין אַ טויג־ניכטס." „דער בעל־דבר", דאָס מינדערווערטיקייטס־געפיל האָט שוין איינמאָל אַ כּוח!

פאַר פיל מענטשן איז גאָר דער דערפאָלג, און נישט דער דורכפאַל, דער סיגנאַל צו אַנטלויפן. דאָס זענען ס'רוב אַזעלכע נאַטורן, וואָס אַזוי לאַנג ווי זיי שטייען אין קאַמף, ווערט די גאַנצע ענערגיע מאָביליזירט אין דינסט פון זייער ערגייץ, און מוזן על אפם ועל חמתם דענקען רעאַל און האַנדלען זאַכלעך, באַם עס איז זיי שוין געלונגען גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן און שטייען אויפן סאַמע ראָדנעם שפּיץ פון דערפאָלג, באַקומען זיי גאָר „קאָפּ־שווינדל". און עס הייבט זיך אָן אַ סדרה ריקצוגן. מען אַראַנזשירט נייראָטישע סימפּטאָמען, כּדי צו דעקן די בריחה. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי פאַרמאָגן נישט די זיכערקייט און גלויבן, אַז זיי וועלן זיין בכּוח די אויסגעקעמפּטע פּאָזיציעס צו

דערהאַלטן. ראַטעוועט מען זיך פאַר דער כּלומרשטער מפּלה, וואָס זיי דערוואַרט אין די שוץ־מויערן פון נייראָז.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך די אַרבעטס־אופנים פון פאַר־שידענע מענטשן ־ טיפן מיט וואָס פאַרא מיטלען ער וויל דורך דער אַרבעט דערגרייכן: מאַכט, אָנזען, חשיבות, אָבער דאָס גע־הער שוין צו דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַרבעט.

פאַרשידענע פאַקטאָרן און סיבות באַאיינפלוסן דעם אויס־וואַל פון באַרוף, ווי למשל: די קאָמפּענסאַציע פון אָרגאַנען־מינ־דערווערטיקייטן און די באַציונג צום פאָטער. פיל מענטשן אַנט־לויפן פון פאָטערס פּראָפעסיע אַלס אויסדרוק פון קעגנערשאַפט און שנאה צו אים. ס'איז פאַראַן פאַלן, ווען דער פאָטער האָט גרויסע דערפאָלגן אין זיין אַרבעט. די דערפאָלגן לאָזן דאָס קינד נישט רוען און עס באַמיט זיך דעם פאָטער נאָכצוטון. אָבער דאָס קינד האָט על־פּי־רוב נישט קיין געדולד און אויסדויער. עס וויל שוין ביי די ערשטע אַרבעטס־פּרווון דערגרייכן דעם פאָטערס הויכן ניווא, פאַרשטייט זיך, אַז די פּרווון ענדיקן זיך מיט אַ דורכ־פאַל. ווערט מען אַנטמוטיקט און מען גיט זיך לייכט אונטער און מען אַנטלויפט. דאָס קינד וויל נישט פאַרשטיין, אַז דעם פאָטערס דערפאָלגן זענען אַ פּועל־יוצא פון לאַנג־יעריקער שווערער, מיזאַ־מער אַרבעט. דאָ באַדאַרף מען אויך זוכן די סיבה, וואָס קינדער פון באַרימטע עלטערן זענען מענטשן פון דורכשניט.

דער, וואָס האָפט צו דערגרייכן דערפאָלגן אָן אַרבעט, דער מוז זיך ביטער אַנטוישן. דאָס לעבן איז זיך אין אים אכזריותדיק נוקם. קרבנות פון לעבן זענען די, וואָס אַנטלויפן פון לעבן, און נישט די, וואָס קעמפן מיט די האַרטע לעבנס־שוועריקייטן. די לעבנס שוועריקייטן און אויפגאַבן רוקט קיינער נישט אַרויס, נאָר די מענטשלעכע געמיינשאַפט, דער, וואָס קאָן זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן, דער איז אַ נעבן־מענטש. די לעצטע פונקען פון געמיינשאַפט־געפיל צאַנקען אין אים נר־נשמהדיק און דער וואָ־רעם פון מינדערווערטיקייט־געפיל טאָטשעט אין אים אָן אויפ־הער. דער לעבנס־שטראָם שווימט ווייטער, און זיינע קרבנות זענען די, וואָס קענען נישט און ווילן נישט לעזן די לעבנס־אויפגאַבן.

## II. ליבע.

כדי צו לעזן דאָס פּראָבלעם פון ליבע און חתונה, פאָדערט זיך פון אַ מענטש אַ גרויסע מאָס קאָאָפּעראַציע - פעאיקייט. מאַקסימום געמיינשאַפט - געפיל. ליבע איז דער ענגסטער, אוממיטלבאַרסטער קאָנטאַקט פון מענטש מיט מענטש. דער, וואָס איז נישט קיין אמתדיקער מיט־מענטש, דער איז פאַרן עראָס פאַרלוירן. דער, וואָס זיין האַרץ האָט קיינמאָל נישט געשלאָגן פאַר אַ צווייטן, יענעמס ליבעס - בלום איז פאַרדאַרט.

דאָ פועלן נישט קיין שום אַלטרואיסטישע מליצות וועגן מענטשן־ליבע און פאַרברידערונג. מענטשן־ליבע איז צו גאָר נישט מחייב, אַ חוץ צו שיינע מליצות. דאָ מוז מען באַווייזן מיט מעשים, אַז מען איז פעאיק צו שאַפן דעם ענגסטן קערפּערלעכן און גייסטיקן קאָנטאַקט מיט אַ צווייטן מענטש, קענען די קונסט פון אומגיין מיט מענטשן.

קליין איז די צאָל מענטשן, וואָס פילן זיך גליקלעך אין דער ליבע. זעלטן צו טרעפן אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן פון מאַן און ווייב. כדי ריכטיק צו לעזן דאָס ליבע־פּראָבלעם, מוז מען האָבן מוט. דאָס איז היינט ליידער אַ זעלטענע זאַך. ס׳רוב מיטגלידער פון דער היינטיקער קולטור־מענטשהייט זענען קינדער פון אַ נישט־איינגעגעבענער קאָמפּענסאַציע. די משפחות זענען היינט קליין. ס׳רוב מענטשן זענען איינציקע קינדער, קרבנות פון אַ פאַרצערטלטער מוטלאָזער דערציונג. דער מוטלאָזער מענטש שטעלט אַלץ אויף דער פּרעסטיזש־קאָרט. ער נוצט אויס די ליבע אַלס קאַמפּס־מיטל פאַר קרענקלעכע פּרעסטיזש־ענינים. עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ געביט אין מענטשלעכן לעבן, ווו דאָס מינדערוועריקייטס־געפיל און דאָס קרענקלעכע שטרעבן נאָך מאַכט און חשיבות זאָל זיך קענען אַזוי גאַמעאַרטיק פאַנאַנדערשפּילן, ווי אויף דער שויס פון דער ליבע. דער מענטשלעכער ערגייץ קען זיך אין ערגעץ נישט אַזוי קונציק פאַרמאַסקירן אין פילערליי קאָלירן, ווי אונטער די פיר חופה־שטאַנגלעך.

דאָס ליבע־לעבן שטייט אונטערן צייכן פון געשלעכטער־קאַמף.

און אפשר זענען די קאַמפן די באַגלייטס־אַקאָרדן פון די שקיעה־שטראַלן פון דער היינטיקער מענער־קולטור. די פרוי שפּרייזט מיט זיכערע טריט אויף איר באַפרייונגס־וועג. זי שאָקלט פון זיך אָפּ דעם שטויב פון דער פאַרעלטערטער סעקסועלער מאָראַל, וואָס די מענער האָבן באַשאַפן, כדי צו פאַרקנעכטן די פרוי. די זיילן פון דער מענער־ממשלה וואַקלען זיך. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבן אין די לעצטע יאָרן, העלפן צו צע־טרייסלען די יסודות פון דער מענער־הערשאַפט. די שרעק פון מאַן חס־ושלום נישט צו פאַרלירן די מאַכט איבער דער פרוי, רופט אַרויס אַ געוואַלטיקע שפּאַנונג אין לעבן פון די געשלעכטער.

די טענדענץ פון דער היינטיקער פאַמיליען־דערציונג, איז דאָס פלעגן דעם קולט פאַרן מאַן. שוין אין די ד׳ אמות פון יעדער קינדער־שטוב ווערט געהאָדעוועט דער קולט פאַר מענלעכקייט און אונטערגעשטראָכן דאָס חשיבות און מערווערט פון מאַן און דאָס מינדערווערטיקייט פון דער פרוי. קוקט אייך צו צום קליינעם יאַטל, וואָס פילט זיך באַליידיקט און געקריוודעט אין זיין מענער־ווערדע, ווען מען זאָגט צו אים: „דו זעסט אויס, ווי אַ מיידל״. אָדער „דאָס פּאַסט פאַר אַ מיידל״, וועט איר פאַרשטיין, ווי ווייט עס דער־גרייכט דער ביטול און גרינגשעצונג פון דער פרוי. אויך דאָס, וואָס פרויען ווערן באַנוצט צו גרינגשעצנדיקע אַרבעטן (דינסט־מיידלעך און באַדינען די מענער ביים טיש, און זייער אַרבעט ווערט ווינצי־קער באַלוינט, רופט אַרויס ביים מאַן דאָס געפיל, אַז די פרוי איז אַ מינדערווערטיק וועזן, שטייט נידעריקער פאַר אים. פאַר פיל מענער איז די פרוי נישט מער ווי אַ סעקסועלער אָביעקט, אַ הנאה־קוואַל. מענלעכקייט ווערט אָנגערופן אין אונזער היינטיקער קולטור: אויבן־זיין, מערווערט, שטאַרק. פרוילעכקייט: אונטן־זיין, מינדערווערט, שוואַכקייט. די פרוי ליידט פון אַ טאָפּל־מינדערווער־טיקייטס־געפיל, סיי אַלס מענטש, און סיי אַלס פרוי.

די מענער־הערשאַפט רופט אַרויס ביי דער פרוי אַ נאַטירלע־כע רעאַקציע. זי שטרעבט צו ענדערן איר געשלעכטלעכן גורל. אַ באַקאַנטע דערשיינונג, אַז פיל יונגע מיידלעך זענען איבער־צייגט, אַז זייער פרוילעכקייט איז נאָר אַן איבערגייענדיקע דער־

שיינונג. בקרוב וועלן זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין ייִנגלעך. פיל פרויען אידענטיפיצירן מאַכט, אַנזען מיט מענלעכקייט. דאָס שטרעבן נאָך מענלעכקייט ביים יונגן מיידל דריקט זיך אויס: אין איבעריאָגן די ייִנגלעך אין ווילדקייט און בראַוווּר. אַלץ, וואָס איז מיידליש, ווערט געהאַסט. מען וויל זיך נאָר פאַרנעמען מיט אַזעל־כע באַשעפטיקונגען, וועלכע זענען געאייגנט פאַר מענער. אָבער וואָס מער אַ מיידל דערקענט די אומפאַרמיידלעכקייט פון איר ווייַ־בערישן גורל, אַלץ טיפער גראָבט זיך איין דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל, וואָס לאָזט נישט רוען די פרוי און טרייבט זי צו דער בריחה פון איר געשלעכטלעכער ראָל. דער קאַמף מיט דער ווייבע־רישער באַשערטקייט, די בריחה פון דער געשלעכטלעכער ראָל רופט אַדלער אָן: „ד ע ר מ ע נ ל ע כ ע ר ־ פ ר אָ ט ע ס ט". דער דאָזי־קער פראָטעסט איז דער טיפסטער קאַמפס־אויסדרוק פון אינדיווידן קעגן יעדער דערנידעריקונג פון זיין ווערט, קעגן דעם „אונטן־זיין" און שוואַך־זיין. דער מענלעכער פראָטעסט איז דער קערן־קאָמ־פלעקס אין יעדן נייראָז, די איבערזעצונג פון דעם מינדערווערטי־קייטס־געפיל אין אַ סעקסועלן זשאַרגאָן. אָדער אַנדערש אויסגע־דריקט: דער מענלעכער־פראָטעסט איז דאָס סעקסועליזירטע מינ־דערווערטיקייטס־געפיל.

אויך פאַר יונגלעך קאָנען אויף דעם גרונט אַנטשטיין פסיכישע שוועריקייטן. דאָס שטאַרקע שטרעבן נאָך מאַכט קאָן אָננעמען אַ פאָרם פונם מענלעכן פראָטעסט. מענלעכקייט ווערט אַן אידעאַל, אַלעבנס־אויפגאַבע. געשלעכטלעכע לייסטונגס־פעאיקייט ווערט אַ סימבאָל פון פערזענלעכן ווערט. מען ציטערט און מען פלאָטערט, טאָמער איז מען נישט קיין פולער מאַנספערשוין. די געשלעכטלע־כע פונקציע ווערט אַ מין עקזאַמען אויף אייגנווערט און חשיבות. מען האָט מורא פאַר דורכפאַלן, אַנטלויפט מען פון דער פרוי. מען וויל נישט איינשטעלן דעם מענלעכן פרעסטיזש אין קאָן.

די בריחה פון דער פרוי קאָן פירן צו אימפּאָטענץ, האָמאָ־סעקסואַליזם און אַנדערע פערווערסיעס. אַלע שטערונגען אין דער

סעקסועלער פונקציע האָבן זייער מקור אין דער מורא פאַר דער פרוי...

די ערי־מקלט פון דעם מוטלאָזן מענטשן זענען די סעקסועלע פערווערסיעס. דאָס לענקען דעם געשלעכטלעכן טריב אויף אויטאָ־עראָטישע וועגן, דערמעגלעכט און העלפט דעם נייראָטישן מענטשן זיך צו דערווייטערן פון צווייטן געשלעכט, ווי עס דראָען כלומער־שטע געפאַרן און דורכפאַלן. די פסיכישע אימפּאָטענץ איז אַ גוט מיטל אויסצומיידן באַציונגען מיט דעם צווייטן געשלעכט. דורך אַלע געשלעכטלעכע פערווערסיעס, דורך אַלע צעבראָכענע און צע־שטערטע שלום־בּיתן ציט זיך אַדורך, ווי אַ רויטער פאָדעם די מורא פאַר דער פרוי. די אַנגסט פאַר דער פרוי איז גלייכצייטיק לעבנס־אַנגסט.

די איבערשאַצונג פון דער סעקסועלער פונקציע איז גורם, אַז מען אידענטיפיצירט פּאָטענץ מיט פעאיקייט. דער אימפּאָטענטער מאַן ווערט נישט באַדויערט, נאָר אויסגעלאַכט, פאַראַכטעט. אויף שטאַרקער פּאָטענץ זענען מענער אַזוי שטאָלץ ווי אויף מי־יודע וואָס פאַראַ גרויסע לייסטונגען, אַזוי אַרום ווערט אייטלקייט, ער־גייץ, פוסטע גאווה אויסגעדריקט אין אַ סעקסועלן זשאַרגאָן. כמעט אַלע סעקסועלע פאַנטאַזיעס און חלומות זענען סימבאָלן פון דעם מענלעכן פּראָטעסט.

פיל נייראָטיקער זענען ביי זיך אין האַרצן צופרידן, וואָס זייערע פרויען זענען פריגיד (ווייבלעכע אימפּאָטענץ, געשלעכטלע־כע קאַלטקייט). מען איז פטור צו באַפרידיקן דעם פּאַרטנער. מען דאַרף זיך מיט אים צופיל נישט זשענירן. און דער עיקר פאַר אַ בלאַמאַזש פון דער אייגענער שוואַכער פּאָטענץ איז מען אַסע־קורירט. אויך דאָס נישט לייגן קיין אַכט אויף דער ווירגיניטעט (יונג־פרוילעכקייט) איז ביי פיל נייראָטיקער נישט קיין אויסדרוק פון ברייטהאַרציקייט, נאָר פון נישט וועלן טראָגן די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. מען האָט מורא פאַר דורכפאַלן. מען וויל נישט זיין דער ערשטער.

דאָס אונטערוואַקסנדיקע מיידל פילט זיך שפלדיק אין איר גע־שלעכטלעכער ראָל. זי דריקט אויס אין פאַרשידענע אופנים איר

אומצופרידנקייט און פּראָטעסט קעגן איר ווייבערישער באַשערט־קייט. פיל מיידלעך שטעלן זיך פאָר, אַז געשלעכטלעכע באַציונגען שלעפּן מיט זיך מיט מי־יודע, וואָס פאַראַ געפאַרן און סכּנות. מען בילדעט זיך איין, אַז אַלע מענער זענען גראָב, (די פרוי איז נישט מער פאַר זיי, ווי אַן אָביעקט צו באַפרידיקן זייערע „היהשע אינ־סטינקטן״.) פון מענלעכן קערפער פילט מען אַ שלעכטן ריח, אַלע מאַנספערשוינען זענען אָנגעשטעקט מיט מיאוסע קראַנקייטן (סי־פיליסאָפאָביע).

שוין די ערשטע מענסטרואַציע, די סטיגמאַ פון דער ווייבלעכקייט ווערט באַטראַכט ווי עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע, אַן אומגליק, עפּעס אַ מוראדיקער פּאַטום האָט אַרויפגעוואָרפן מיט געוואַלד דעם יאָך פון ווייבערישן באַרוף. נישט תּמיד איז די דע־פּרעסיע בשעת די מענסטרואַציע־טעג אַ פועל־יוצא פון אינערלעכע סעקרעציע ־ שטערונגען. זי איז גיכער אַ באַהאַלטענער אויסדרוק פון מענלעכן פּראָטעסט. ווי די דערפאַרונג לערנט: איז דאָס שלעכט זיך פילן און ברעכן בשעת דער גראַוויטאַציע־צייט (שוואַנגערשאַפט) אָפטמאָל אַ באַהאַלטענער, אַן אומבאַוווסטער פּראָטעסט קעגן דער געשלעכטלעכער ראָל. אויך די אַנגסט פאַר אָנווערונג די יונגפרוי־לעכקייט, וועלכע איז אַן אָפטע דערשיינונג ביי מיידלעך, שטאַמט פון דער איינבילדונג, אַז דאָס סעקסועלע איז עפּעס נידעריקס, שפלדיקס, חיהשעס.

דאָס רעוואָלטירן קעגן דער געשלעכטלעכער ראָל איז גורם, אַז מען אַנטלויפט פון דער ווירקלעכקייט. טאָג־טרוימען איז די איינ־ציקע שפייז פון דער רעוואָלטירנדיקער פרוי. מיט אַלע מיטלען באַ־מיט מען זיך אויסצומיידן דאָס לעזן די פּראָבלעמען פון חתונה און ליבע. תּירוצים פעלן נישט. אויף יעדער פראַגע איז דאָ אַ פּאַרטי־קער ענטפער: „דער ריכטיקער איז נאָך נישט געקומען״, אָדער מען פּטרט אָפּ די ליבע מיט דעם באַקאַנטן „נאַר״. „נאָר אַ רייכן, נאָר אַ שיינעם, נאָר אַן אינטעליגענטן״. מען האַלט כּסדר ביים „נאָר״ און בינר־לבינו הויבן זיך אָן אַריינפלעכטן גראָע האָר אין דער פריזור.

אויב מען מאַכט זיך האַרץ און מען דעצידירט זיך שוין יאָ

חתונה צו האָבן, באַקעמפט מען די ליבע פון אינעווייניק. קאַפּ־וויטיק, שלאָפלאָזיקייט איז אַ גוט־מיטל צו הערשן איבערן פּאַרטנער און אויסצומיידן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אין הויז. מען מאַכט פון דער כּלומרשטער שוואַכקייט און נישט־פעאי־קייט אַ טוגנט. מען שפּילט די ראָלע פון דעם קראַנקן, שוואַכן, וואָס מען מוז תּמיד נעמען אין אַכט זיינע „מילדערנדע אומשטענדן״. מען הערשט מיט דעם כּוח פון דער שוואַכקייט.

ביי אַ טייל פּרויען דריקט זיך דער מענלעכער פּראָטעסט אויס אין אַ פאַרקערטן אופן. מען מאַכט פון דער שוואַכקייט אַ שטאַרקייט. אַלע ווייבערישע מיטלען, ווי שיינקייט, קאָקיעטעריע, ראַפינירטקייט ווערן מאָביליזירט, כּדי צו געווינען די ממשלה איבערן מאַן, מען וויל אַלע מענער זען ליגן ביי די פיס. דאָס איז דער זעלבער מענלעכער פּראָטעסט, נאָר מיט „ווייבלעכע מיטלען״. אין יעדער פרוי דאָן־זשואַן וואָרצלט אַ טיף מינדערווערטיקייטס־געפיל, זי קאָן נישט ליבן, נאָר הערשן.

דער מענלעכער פּראָטעסט באַאיינפלוסט שטאַרק דעם אויס־וואַל פון אָביעקט. עס זענען באַקאַנט פאַלן, ווי אַ קולטורעל, גייסטיק אַנטוויקלט מיידל וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון אַ מינ־דערווערטיקן מענטשן און אַלקאָהאָליקער, אַ הולטיי, מיט דער כּוונה אים אַרויסצוראַטעווען פון די נעגל פון האַזאַרד־שפּיל און אַלקאָהאָל. ווי די דערפאַרונג לערנט: זענען נאָך קיינמאָל אַזעלכע מענטשן דורך ליבע נישט געראַטעוועט געוואָרן. מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ טיפּישן „רעטונגס־אידעאַל״. אַ באַקאַנטער מאָטיוו אין דער ליטעראַטור (שניצלער, מאָפּאַסאַן). אַז אַזעלכע „רעטונגס־אַקציעס״ ענדיקן זיך תּמיד מיט אַ דורכפאַל, איז אַ באַוווסטע זאַך. אָבער אַ גוט מיטל ווי אויסצומיידן די ליבע איז עס על־כּל־פּנים דאָך.

פאַראַן מענטשן, וואָס שווערמען פאַר אָביעקטן, וועלכע שטייען פאַר זיי נידעריקער הן גייסטיק און הן סאָציאַל. עס טרעפט זיך נישט זעלטן, אַז אַ מענטש, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט די העכסטע גייסטיקע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט, האָט חתונה מיט זיין דינסט, אָדער מיט אַ פּויערן־מיידל. דאָ האָבן מיר פאַר

זיך אַ טיפּישן פאַל פון גיין אויף דער ליניע פון קלענסטן ווידער־שטאַנד. מען קלויבט זיך אויס אַזאַ פּאַרטנער, מיט וועמען מען דאַרף זיך נישט צופיל צערעמאָנירן, און דער עיקר, מען איז נישט מחויב מיט אים זיך אָפּצוגעבן און באַשעפטיקן. אַז די מורא פאַר דער פרוי, שפּילט אין דעם פאַל די הויפּט־ראָלע, זעט מען באַשיימפּערלעך. דער פינאַל פון אַזעלכע זווגים איז אַלעמען באַקאַנט.

אַ גוט מיטל, ווי אַזוי צו נעגירן די ליבע, איז די אַזוי־גערופענע „אומגליקלעכע ליבע". פאַראַן אַ טיפּ מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום זייער גאַנץ בינטל יאָרן מיט אַ „לאָך אין האַרצן", מיט דער אומגליקלעכער ליבע. פאַרשטייט זיך, אַז מען איז פּטור פון חתונה האָבן. ווי קאָן מען האָבן האַרץ און פאַרלאַנגען נאָך פון אים, אַז ער זאָל לעזן דאָס פּראָבלעם פון ליבע.

די וווּלגאַרע פּסיכאָלאָגיע האַלט אין איין איבערחזרן דעם פּזמון: אַז פון אַן אומגליקלעכער ליבע קאָן מען אַריינפאַלן אין אַ גייסטיקער קרענק. אָבער להד"ם, ליבע מאַכט נישט קראַנק און געזונט אודאי נישט. עס איז פּשוט אַ הוילע איינרעדעניש. דער, וואָס איז נישט גייסטיק אָנגעגריפן, דעם קאָן די אומגליקלעכע ליבע גאָרנישט שאַדענען. ווייל שוין דער עצם פאַל פון באַקומען געשלאָגן מיט דער בייטש פון דער אומגליקלעכער ליבע, באַווייזט, אַז דער מדובר איז נאָך פאַר „מתן־ליבע" געווען גייסטיק אָנגעגריפן. אַנאַליזירט מען די „קרבנות" פון דער אומגליקלעכער ליבע, זעט מען בחוש, אַז כמעט אַלע האָבן אומבאַוווּסטזיניק צו דעם געשטרעבט. זייער גאַנץ שפּיל אין ליבע איז נאָר געווען אַ תחבולה, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען „אַ ליבעס־קראַנקייט־צייגניש" (ענלעכע שטריכן געפינען מיר ביי נאָמבערגס־העלדן).

אין דער וווּלגאַרער פּסיכאָלאָגיע ווערט אָפּט דערמאָנט, אַז אונטערן איינפלוס פון אַן אומגליקלעכער ליבע זענען אַנטשטאַנען גרויסע קינסטלערישע לייסטונגען. זי פאַרשרייבט אַזש די אומגליקלעכע ליבע אַלס מעדיקאַמענט. אויך אין אַש'ס ראָמאַן „מערי" עמפּעלט אַ פּראָפעסאָר פון אַ קונסט אַקאַדעמיע אַ יונגן באַגאַבטן מאָלער די אומגליקליכע ליבע אַלס מעדיקאַמענט. ווי מיר ווייסן האָבן גרויסע קינסטלער געשאַפן גראַנדיעזעס אָן דער אומגליקלעכער ליבע. (געטע).

די לערע פון מענלעכן־פּראָטעסט באַווייזט בולט, אַז די לע־גענדע וועגן דער גייסטיקער מינדערווערטיקייט פון דער פרוי איז נישט מער, ווי אַ קרענקלעכע איבערקאָמפּענסירונג פון דער שוואַ־כער סעקסועלער פונקציע־מעגלעכקייט פון דעם מאַן. דאָס ערגסטע איז, וואָס די פרוי גופא גלויבט אין דער דאָזיקער מענער־לעגענדע, אַז זי שטייט באמת גייסטיק נידעריקער.

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע מאַכט אַ סוף צום אַבערגלויבן וועגן דער גייסטיקער אינפעריאָריטעט פון דער פרוי. זי איז נישט ווייניקער באַגאַבט ווי דער מאַן. די היינטיקע קולטור, די מענער־קולטור האָט ביי דער פרוי צוגערויבט דעם גלויבן אין אירע פעאי־קייטן, צוגענומען דעם מוט און געסטעמפּלט פאַר גייסטיק־מינדער־ווערטיק. אויב די פרוי גלויבט אין דעם, איז, ממילא, קיין וואונדער נישט, אַז אירע לייסטונגען פאַלן באמת אויס שוואַכער. לייסטונ־גען אָן גלויבן, אָן מוט, אָן זעלבסטצוטרוי זענען אויסגעשטעלט אויף שטענדיקע דורכפאַלן. נישט גלייכבאַרעכטיקונג נאָר גלייכ־ווערטונג פון די געשלעכטער איז דער הויפּט־יסוד פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער סעקסועלער עטיק.

כדי צו לעזן ריכטיק די עראָטישע אויפגאַבע, פאָדערט זיך לעבנס־מוט און לעבנס־ווילן, און דער עיקר דאָס באַיאָען דעם פאַרטנער: אָנערקענען, אַז ער איז נישט אַ בלויזער אָביעקט, נאָר אויך אַ מיט־מענטש. „נאָר ווען דער צווייטער פאַרטנער ווערט באַיאָט דערוועקט ער לוסט" (קינגעל). ליבע געהערט צו די שטאַרקסטע געפילן. יעדעס שטאַרקע געפיל איז אין טיפערן זין אַ דראַנג צום „דו", אַ שטרעבן צו לעבן אין אַ צווייסער וועלט. נאָר דער, וואָס פאַרמאָגט געמיינשאַפטס־געפיל, איז בכוח אין יע־נעמס וועזן, אין יענעמס וועלט צו לעבן.

## III. די באַציונג צום „דו".

דער, וואָס האָט געמאַכט טעותים און פעלערן ביים לעזן די ערשטע צוויי לעבנס־אויפגאַבן, וועט זיכער איבערחזרן די זעלבע טעותים ביים אויסגעפינען דעם קאָנטאַקט מיט די מיט־מענטשן. דער, וואָס איז געווינט צו טראַכטן רק וועגן זיך און לייגט אַוועק מי און פּראַצע, אַז זיין פּרעסטיזש־קרוין זאָל וואָס העלער פינקלען, דער וועט זיך די טעכניק פון אומגיין מיט מענטשן קיינמאָל נישט

אויסלערנען. דאָס זענען בר־נשן, וואָס שלענדערן אַרום מיט זייער בינטל יאָרן צווישן דער גרענעצלאָזער זעלבסט־פאַראַכטונג און גרענעצלאָזער זעלבסט־דערהויבונג. זיי דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט, גלייך ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעקומען פון אַ צווייטן פּלאַנעט. זיי פילן זיך דאָ פרעמד. נישט היימיש, גלייך ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אויף עפּעס אַ פרעמדער חתונה. דער איינציקער אויסוועג זייערער איז איזאָלאַציע. דאָס אויסמיידן צו קומען אין דער געזעלשאַפט .

אין דינסט דער טענדענץ אויסצומיידן די מיט־מענטשלעכקייט שטייען גרייט אַ גאַנצע מחנה נייראָטישע סימפּטאָמען. איינער הויבט אָן שטאַמלען בשעת ער פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ מענטשן. אַ צווייטער ווערט רויט, אָדער ער האָט מורא טאָמער וועט ער רויט ווערן אין אַ פרעמדער סביבה. אַ דריטער ווערט גאָר מטושטש, ווען ער געפינט זיך אין אַ גרעסערער געזעלשאַפט. אַ פערטער פינטלט גאָר מיט אַן אויג, ווען פרעמדע מענטשן קוקן אויף אים. אַ פינפטער איז אַזוי שטאַרק איבער־עמפּינדלעך און זעט אומעטום שפּלותן און באַליידיקונגען. די קלענסטע באַמערקונג ברענגט אים אַרויס פון די כלים. אַ זעקסטער ליידט גאָר פון אַן איבער־אַרבעטס־נייראַסטעניע. יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט פילט ער זיך אַזוי מוראדיק מיד און צעבראָכן, אַז ער קאָן נישט סובל זיין קיין פרעמדע מענטשן.

די אַלע סימפּטאָמען זענען נישט מער ווי המצאהלעך און מיטלען, ווי אַזוי צו פּראָוּוען דעם splendid isolation און צו פאַרפאַנצערן זיך אין דער עגאָצענטרישער פעל. אַ טייל מאַכן גאָר פון דער איזאָלאַציע אַ מין וועלט־אַנשויאונג, צו דער דיספּאָזיציע שטייען פילאָזאָפישע און עטישע סיסטעמען און אַנדערע קלוגע זאַכן. כאַראַקטעריסטיש: די נעבן־מענטשן האָבן תמיד ליב זיך אויסצובאַהאַלטן אונטער דעם פילאָזאָפישן פּערוק און אונטער דער סטאָישער טאָגע. זיי ווילן דעקן די לעבנס־בריחה מיט די רייד פון די אַלטע קלוגע לייט. ווייל מען פילט זיך נישט דערוואַקסן צום לעבן שפּייט מען קלעק אויפן לעבן און אויפן מענטשן. די געדיכטע מיסטישע וועלדער זענען דער ליבלינגס־שפּאַצירגאַנג פון דעם מוטלאָזן מענטשן.

די מענטשן, וואָס האָבן פיל באַקאַנטע און נישט איין פריינט איז אַ סימן, אַז זייער קאָנטאַקט־פעיקייט איז נישט מיט אַלעמען. פריינטשאַפט איז געמיינשאַפט־געפיל, וואָס קאָן נאָר וואַקסן אויפן באָדן פון דער קעגנזייטיקייט. דאָס האַלטן זיך תמיד אין רעזערוו און דאָס וועלן אונטערשטרייכן די אייגנווערט, דערלאָזט נישט צו אינטימקייט. ווער עס וויל האָבן פריינט, מוז זיין ברייט: כאָטש אַזוי פיל ליבע און וואַרעמקייט צו קענען געבן וויפל ער באַקומט.

פילן זיך פאַרבונדן מיט דער געמיינזאַמקייט — הייסט: האָבן אַ פאַרשטענדעניש פאַר די בשותפותדיקע פראָבלעמען, וועלכע פאַראייניקן און צעמענטירן גרויסע קרייזן פון מענטשן. די שטעלונג פון אַ מענטש צו פּאָליטישע פראַגן וואַרפט אַ קלאָר ליכט אויף זיין באַציונג צו דער מיט־מענטשלעכקייט. דער, וואָס שטייט פונדערווייטנס פון פּאָליטישן לעבן, דער, וואָס ווירקט נישט מיט אַקטיוו ביי דער לעזונג פון פּאָליטישע פראָבלעמען, וועלכע זענען נוגע אַ גרויסער טייל פון דער מענטשהייט, דער פאַרראַט זיין מצומצמדיקן אינטערעס פאַר דער געמיינזאַמקייט. פּאָליטיק איז לעבנס־וויסנשאַפט, די אימאַנענטע באַציונג צו דער ווירקלעכקייט. דער אינטערעס פאַר פּאָליטיק איז אַן אויסדרוק פון לעבנס־מוט. יעדעס וועלט־בילד איז פאַרבונדן מיט פּאָליטיק. אומפּאָליטיש זיין הייסט: פרעמד זיין. נישט וועלן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, בלאָנדזשען אין דער אומקלאָרקייט. די התנצלותן, וואָס מיר הערן אָפט פון די לעבנס־דעזערטירן, אַז פון פּאָליטישער אַרבעט האָט מען רק אומאָנגענעמלעכקייטן, די פּאָליטישע פראָגראַמען פאַרמאָגן פיל חסרונות און נישט מיט אַלעמען, וואָס שטייט דאָרטן געשריבן, קאָן מען מסכים זיין, זענען נאָר מיטלען אַרויסצודרייען זיך פון לעבנס־אחריות. עס איז נישט בנמצא אין דער וועלט קיין איין אידעע אָדער פּאָליטישער פראָגראַם, וועלכע זאָלן אַבסאָלוט שטימען מיט אונזערע אַנשויאונגען. מיט־מענטשן זיין הייסט: קענען מיטשפּילן אויך דאַמאָלס, ווען נישט אַלץ גייט אויף דער ליניע פון אונזערע ווונטשן. דער, וואָס דערליידיקט דעם קאָנפליקט צווישן דעם אייגענעם איך און צווישן דער געמיינזאַמקייט לטובת דער מיט־מענטשלעכקייט, דער אַרבעט אויך צום גונסטן פון אייגענעם איך.

## נייראָז און פּסיכאָז

דער נייראָז דריקט אַמבּולטסטן אויס דעם קעגנזאַץ צווישן ווילן און קענען און ווילן און אָנמעכטיקייט. דער נייראָטיקער איז געפאַנגען פון דער פיקציע פון אוממעכטיקייט. קערפּערלעך איז ער געזונט (און די היפּאָטעזע מכּוח דער אָפּגעשוואַכטער „נערוון־קראַפט״ נעמט, דאַכט זיך היינט קיינער נישט ערנסט). די קראַנקע סימפּטאָמען זענען נישט קיין פּועל־יוצא פון סאָמאַטישער קראַנקייט. דער נייראָטיקער בּאַנוצט זיך מיט קערפּערלעכע מעכאַניזמען, ווי קאָפּ־שווינדל, האַרץ־קלאַפּן, פּולס־לאַבּילאַטעט, עריטראָפּאָביע, כּדי פּטור צו ווערן פון די לעבּנס־התחייבותן. דער פיזישער אָרגאַניזם ווערט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון אַ פיקטיוון ־ נייראָטישן ציל. דער סימפּטאָם איז זיך תּמיד מתדבק אין דעם אָרגאַן, וועלכער איז מינדערווערטיק. דער, וואָס ליידט פון אַ מינדערוווערטיקייט אין געגנט פון זיין געהער־אָרגאַן, וועלן זיך זיינע היסטערישע סימפּטאָמען אויסדריקן אין קאָפּ ־ שווינדל. אין דער נייראָז ווערט דער שוואַכער קערפּער־טייל דער אויסדרוקס־אָרגאַן פון דער פּסיכיק „דער סימפּטאָם רעדט אויף דער שפּראַך פון מינדערווערטיקן אָרגאַן („אָרגאַן־דיאַלעקט״)

אַלע מענטשן פאַרמאָגן אַ געוויסע דיספּאָזיציע צו נייראָטישע קאָנפליקטן. אָבּער די דיספּאָזיציע אַליין איז נאָך נישט בּכּוח צו ווירקן פּאַטאָגען. דער עיקר איז ווי אַזוי דער מענטש לענקט מיט דער דאָזיקער דיספּאָזיציע. פאַרשטייט זיך, אַז אָפּהענגיק איז אַלץ פון די לעבּנס־אומשטענדן, פון לעבּנס־שיקזאַל. אָבּער אין תּוך־

גענומען זענען בשום אופן נישט די לעבנס־שוועריקייטן און נישט די לעבנס־ווייטאָקן דער גאַנצער חייב אין די נייראָטישע קאָנ־פליקטן, נאָר דאָס נישט פילן זיך דערוואַקסן לגבי די לעבנס־אויפגאַבן, דער פאַלשער צוגאַנג צום לעבן ווירקט פאַטאָגען. אין פיל פאַלן ווירקן נאָך די לעבנס־ווייטאָקן טעראַפּיש. ווי זאָגט אַדלער: „פאַלש איז צו רעדן וועגן די סיבות פון דער אַנטמוטיקונג (נייראָז). די אורזאַכן זענען תמיד פיקטיווע, טעותדיקע, ווייל עס איז נישט בנמצא קיין אמתדיקע סיבה פאַר וואָס צו ווערן אַנטמוטיקט... דער דאָזיקער טעות באַפולמעכטיקט אונז אָנצוגרייפן טעראַפּיש די נייראָזן״.

כמעט אַלע דעפיניציעס פון נייראָז זענען פאַרפירעריש. צו־קלעבן אַ מענטשן דעם נייראָטישן עטיקעט קאָן מען ערשט דאַ־מאָלס, ווען ער הערט אויף צו זיין אַרבעטס־פעיק, ווען ער פאַר־לאָזט, אונטערן איינפלוס פון דער קראַנקייט, זיין אַרבעטס־וואַר־שטאַט. כל זמן דער מענטש איז נאָך פעיק אויסצופירן זיינע באַ־רופס־אויפגאַבן, די קרענקלעכע סימפּטאָמען שטערן אים נישט צו אַרבעטן אין זיין פּראָפעסיע, איז שווער צו שטעלן דעם דיאַגנאָז. ערשט די נעגאַטיווע לעזונג פון דער אַרבעטס־פראַגע, גיט די מעגלעכקייט צו קאָנסטאַטירן די נייראָטישע קראַנקייט.

יעדער נייראָטישער סימפּטאָם דריקט אויס דעם באַהאַלטע־נעם ווונטש צו אַסעקורירן די אייגענע מינדערווערטיקייט און ווערטלאָזיקייט. אין פלוג קלינגט דאָס אַ היפּש ביסל פּאַראַדאָק־סאַל, ווייל אין תוך גענומען וויל יעדער נייראָטיקער גערן פּטור ווערן פון זיינע ליידן, וועלכע מאַכן אים שפלדיק, ווערטלאָז אין זיינע אייגענע אויגן. און דאָך קוקט מען טיפער אַריין, זעט מען, אַז דער ווונטש פון נייראָטיקער זיך צו באַפרייען פון די ליידן איז אַ פיקציע, אַ באַהאַלטענער ליגן, ווייל די ליידן און דאָס געפיל פון דער אייגענער ווערטלאָזיקייט גיט אים דאָס אויסגעטרוימטע התנצלות־בריוועלע, דעם הכשר אומפעיק צו זיין, שענקט אים דאָס מאָראַטאָריום אויף זיינע לעבנס חובות. דעם באַהאַלטענעם געדאַנ־קען־הילוך פון נייראָטיקער קאָן מען אַזוי אויסדריקן: „ווען איך וואָלט נישט קראַנק געווען, ווען נישט דער אומגליקלעכער נייראָז,

וואָלט איך ערשט...'' און ווייל מען איז קראַנק, איז מען נישט נאָר פּטור פון אַלע לעבנס־מצוות, מען קאָן אויך פאָדערן פון דער סביבה מילדערנדיקע טראַקטירונג און הילף. אויף כל צרה שלא תבא האָט מען אַ פּאַרטיקן תירוץ: גייט עס מיט דער פוטער אַראָפּ, איז שולדיק די קראַנקייט, גייט עס גוט, איז דער דערפאָלג אַ כפל־דיקער. „טראָץ מיין אומגליקלעכער קראַנקייט, און דאָך מיידן דער־פאָלגן נישט אויס מיין באַלקן''. ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער ביי־ראָטיקער אַסעקורירט פון אַלע זייטן, דאָס היילן זיך ביים דאָקטאָר, דער כלומרשטער ווילן געזונט צו ווערן איז אַ פּרווו אַרויסצובאַקו־מען אַ קראַנקייטס־צייגניש, און דער עיקר, דאָס באַזוכן און היילן זיך ביים דאָקטאָר לאָזט אויף איין מינוט נישט מסיח־דעת זיין, אַז מען איז קראַנק.

דער נייראָטישער מענטש, דער דעזערטיר פון לעבנס־פראָנט, לעבט שטענדיק אין איין פּחד, טאָמער וועלן זיך לייטן דערוויסן פון זיין חרפּה. ער מיידט אויס מיט אַ כיוון אַזעלכע סיטואַציעס, וועל־כע קאָנען טאָקע חס־ושלום פאַרראַטן זיין לאַ־יוצלחדיקייט. זיין שטעלונג צום לעבן איז אַ קינדישע, אַ נישט ־ זאַכלעכע. דאָס גע־מיינשאַפט־געפיל איז נאָך ביי אים שוואַך אַנטוויקלט. אים דאַכט זיך אויס, אַז דאָס לעבן איז פאַר אים אַזוי אכזריותדיק, אומדער־טרעגלעך. אַנטלויפט ער פון דער ווירקלעכקייט אין מלכות פון דער פיקציע און שאַפט זיך אַ סוביעקטיווע לעבנס־מעגלעכקייט. פאַר די דאָזיקע „מעגלעכקייטן'' באַצאָלט ער מיט דער מטבע פון ליידן און מוז מותר זיין אויף לעבנס־אַקטיוויטעט. אַז ער מאַכט אַ שלעכט געשעפט דערביי איז קיין ספק נישט. די פאָלגן פון זיין פאַלשער לעבנס־מעטאָדע זאָגן, דאַכט זיך, עדות אויף זיינע שלעכטע געשעפטן.

דעם נייראָטיקערס לעבן איז איין לאַנגע קייט פון קאַמפן מיט דער מיט ־ מענטשלעכקייט. ער איז תמיד גרייט צום אָפּ־וועך, צום טיגער־שפרונג. אויף מינימום דרוק ענטפערט ער אָפּ מיט מאַקסימום רעאַקציע. ער שלאָפט אומרואיק, האָט פחדימדיקע חלומות, איז רייצבאַר. „בכלל באַטראַכט יעדער נייראָטיקער דעם

שלאָף פאַר אַן אומגליק'' (אַדלער), אַן אינסטיטוציע, וואָס וואָלט נישט באַדאַרפט באַשאַפן צו ווערן.

ווי אַזוי עס ווערט געבוירן אַ סימפטאָם, איז גאָר נישט אַזוי וויכטיק צו וויסן, וויכטיק איז צו פאַרשטיין, וואָס ער באַדייט, צו וואָס צילט ער? דערקענען די שפראַך אויף וועלכער ער רעדט. דער אויסוואַל פון דעם איינצעלנעם סימפטאָם באַדאַרף מען נישט צושרייבן קיין גרויסע באַדייטונג, ווייל פאַרשיידענע סימפטאָמען קאָנען האָבן דעם זעלבן מיין, דעם זעלבן זין. וויל איינער, למשל, געבן אַן אויסמיידנדיקע תשובה אויף דעם עראָטישן פראָבלעם. קאָן ער עס טון אויף פאַרשיידענע אופנים, אויסדרוקן און אַ שלל פון סימפטאָמען, אָנגעבן פיל מאָטיוון. ער קאָן דורך פסיכישער אימפאָטענץ דאָס גאַנצע ליבע־פראָבלעם שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן. ער קאָן אויך דורך נייראסטענישער אַרבעטס־אומפעיקייט אויסמיידן בכלל צו טראַכטן וועגן חתונה „צי מעג אַ מענטש, וואָס איז נישט פעיק צו אַרבעטן בכלל קלערן וועגן חתונה האָבן?'', ער קאָן אָבער דאָס זעלבע דערגרייכן דורך אַ נייראָטישן טריק, ווי רויט־ווערן בשעתן קומען אין אַ געזעלשאַפט און אויסמיידן יעדע באַקאַנטשאַפט מיט אַ מענטש פון אַנדערן געשלעכט. עס זענען בנמצא נאָך פיל קרענקלעכע סימפטאָמען און מיטלען, ווי אַזוי צו בלייבן אַן אַלטער בחור — אָבער די אַלע סימפטאָמען האָבן איין ציל: נישט חתונה ־ האָבן. פון דעם געזאָגטן קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז יעדער נייראָטישער סימפטאָם איז אַ מיטל ווי אַזוי פטור צו ווערן פון די לעבנס ־ התחייבותן.

די נייראָטישע סימפטאָמען ווערן שוין טרענירט און אויסגעבילדעט זייט דער קינדהייט. אַממערסטן פאָדערט טרענינג דער צוואַנגס ־ נייראָז, וועלכער איז אַ פועל־יוצא פון אַ שטרענגער אכזריותדיקער דערציונג. דאָס קינד איז נישט בכוח אָפן אַרויסצורטרעטן קעגן דעם אויטאָריטעט. עס מוז זיינע אַגרעסיע ־ און האַס־אימפולסן אונטערדרוקן. אָבער דער טראָץ, דער אונטערדריקטער אימפולס מוז דאָך סוף כל סוף זיך אויסלאָדענען. דאָס קינד ענטפערט אָפ מיט דער זעלבער מטבע: פאַראינערלעכט דעם אויסערלעכן צוגאַנג. ד. ה. עס איז מקבל אויף זיך די חומרות און פאַר־

באָטן פון די עלטערן און פאַרבאָט זיך אַליין. „אויף אייער צווינ־גען און נייטן מיך, וועל איך ענטפערן מיט זעלבסט־צוואַנג״, שלאָגן דעם קעגנער מיט זיין אייגן כלי־זין. ס׳רוב אַנטשטייט דער צוואַנגס נייראָז אויפן באָדן פון אַ מינדערווערטיקייט פון די פאַר־דייונגס־אָרגאַנען, ווו דער דערציערישער צוואַנג צו רעגלמעסיקייט און דעפעקציע איז שטאַרק. דאָס מוטלאָזע קינד ענטפערט אָפּ מיט פעדאַנטעריע אַלס קעגן־צוואַנג. אַ צוואַנגס־נייראָטיקער דערציילט: „שוין אַלס צעניעריק יינגל האָב איך דורך מיין שעהן־לאַנגן וואַשן זיך אַרויסגעברענגט מיינע עלטערן פון די כלים, תחילת זענען זיי גע־וועזן צופרידן, וואָס איך האַלט זיך ריין, אָבער מיין שעהן־לאַנג וואַשן זיך האָט זיי געברענגט צו פאַרצווייפלונג״. דאָס קינד האָט אויסגעפונען אַ גוט מיטל ווי צו ווערן זיך קעגן דער סביבה, „איר האָט מיך געניטט צו האַלטן זיך ריין, דאָ האָט איר ריינקייט״, אויף צוואַנג פאַרבאָטן,ענטפערט עס מיט פאַרבאָטן. דאָס אַליין זיך פאַר־באָטן האָט דעם ציל צו באַקעמפן די אויסערלעכע סביבה.

דער אַרכיטעקטאָנישער בוי פון נייראָז איז אומעטום גלייך, צי אין דער היסטעריע, צי אין אָרגאַן־נייראָז, נייראָסטעניע, צוואַנגס־נייראָז. אומעטום קלאַפּט דער דופק, די בריחה פון דער געמיינזאַמקייט. די טרייב־קראַפט פון נייראָז איז די אומבאַוווסטע מורא, דער אַנגסט פאַרן לעבן און דער אַנגסט פאַרן טויט. דער נייראָטישער אַנגסט איז אַ טאָפּל־געפיל: דער אַנגסט פאַר דעם צו־זאַמען־זיין און דער אַנגסט פאַר דעם אַליין־זיין. דער נייראָטיקער איז באַהערשט פון דעם לעבנס־צווייפל. אַנגסט און צווייפל זענען אידענטיש. ווי דער נייראָטיקער וואַרפט מיט דעם אויג רק אַנגסט. אַלע לעבנס־פריידן ווערן דערטרינקען אין אַ ים פון אַנגסט, אין די מויערן פון זיינע סימפּטאָמען זיצט דער וועלט־פרעמדער — דער נייראָטיקער.

כמעט דער זעלבער פסיכאָלאָגישער מעכאַניזם, וועלכער גע־פינט זיך אין יעדן נייראָז, איז אויך פאַראַן אין די פסיכאָזן. די לערע פון פערזענלעכן פינאַליזם איז מחויב אָנצונעמען די דאָזיקע הנחה ,ווייל קיין אַנדערע אויסדרוק־פאָרמען פון פערזענלעכן פינאַ־ליזם, ווי די, וועלכע די אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגיע האָט אויסגע־

פונעם הן ביים נאָרמאַלן, און הן ביים נייראָטישן מענטשן, זענען נישט בנמצא. נייראָז און פסיכאָז זענען וואַריאַנטן פון דער זעל־בער טעמע, וואָס הייסט: מינדערוווערטיקייטס־געפיל און קאָמ־פענסאַציע. קיין נפקא־מינא נישט, צי די בריחה פון דער מיט־מענטשלעכקייט הייסט: נייראָז אָדער פסיכאָז. דאָרטן און דאָ הערן מיר דעם פאַלשן לעבנס־ניגון, דעם זעלבן לייט־מאָטיוו. אַלץ קומט פאָר אויפן באָדן פון דעם קאָנפליקט מיט דער געמיינזאַמ־קייט, ווייל דאָס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די טיפעניש פון דער מענטשלעכער נשמה, ווערט סצעניזירט אויפן פּאָן פון דער גע־מיינשאַפט, דאָרטן, ווו די געמיינזאַמקייט הערט אויף צו עקזיס־טירן, דאָרטן זענען מיר נישטאָ.

צוויי גרונט־שטריכן אונטערשיידן דעם נייראָז פון דעם פסי־כאָז. דער פסיכאָטיקער האָט כמעט גענצלעך איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער אָביעקטן־וועלט. דיאַלעקטיש אויסגעדריקט: ער האָט פאַרוואַנדלט דאָס אָביעקט־זיין אין בלויזן סוביעקט־זיין. יעדער מענטש איז גלייכצייטיק אָביעקט און סו־ביעקט. דער גייסטיק־קראַנקער ווייל בלויז סוביעקט־זיין. דער נייראָטיקער אָבער האָט נישט איבערגעריסן געגנצלעך מיט דער דרויסנדיקער אָביעקטן־וועלט. עס ציען זיך נאָך איינצלנע פעדעם, וואָס פאַרבינדן אים מיט דעם „דרויסן", זיין קראַנקייט באַווייזט בולט, אַז ער אַנערקענט די פאָדערונגען פון דער געמיינשאַפט. ווען ער וואָלט זיי נישט אַנערקענט, וואָלט ער נישט באַדאַרפט האָבן דעם גאַנצן קראַנקייטס־מעכאַניזם.

דער צווייטער אונטערשיד צווישן נייראָז און פסיכאָז איז די אורטיילס־קראַפט. דאָס איבערייסן יעדע באַציונג מיט דער וועלט פון פאַרנונפט. דער אונטערשיד קומט בולט צום אויסדרוק, ווען מיר פאַרגלייכן דעם צוואַנגס־נייראָז מיט דער גייסטיקער קראַנ־קייט, די פאַראַנאָיאַ (פאַרפאָלגונגס־משוגעת). אַט למשל: אַ צוואַנגס־ נייראָטיקער האָט זיין פיקס־אידייע נאָך יעדן מאָל, ווען ער באַרירט אַ שטיקל פּאַפּיר, וואַשט ער זיך די הענט, אָדער ער מיידט אויס די גאַסן, וואָס פירן צום וואָקזאַל. ער האָט אָבער דאָס באַוווסטזיין, אַז זיינע מעשים זענען אומזיניק, נאַריש, ער אַליין

באַאורטיילט זיינע צוואַנגס־מעשים אַלס אומזיניקע. ער וואָלט גערן פון זיי פטור געוואָרן. ער קאָן אָבער ניט. דער צוואַנגס־נייראָטיקער האָט נישט פאַרלוירן דעם קריטישן חוש. ער שטייט נאָך מיטביידע פיס אויף דער פּלאַטפאָרם פון פאַרנונפט. דער פסיכאָטיקער אָבער פאַרמאָגט לחלוטין נישט קיין אורטיילס־קראַפט. ער פאַר־שטייט נישט, אַז זיין פאַרפאָלגונגס־משוגעת, דאָס איינרעדן זיך, אַז די אָדער יענע פּרוי וויל אים דערווערגן, איז אומזיניק. ער האָט די בריק, וואָס פאַרבינדט אים מיט דער וועלט פון פאַרנונפט שוין לאַנג הינטער זיך אויפגעריסן. ער איגנאָרירט גענצלעך די מענטש־לעכע לאָגיק.

דער גייסטיק קראַנקער איז ביזן טיפסטן אַן אַנטמוטיקטער מענטש, ער האָט לחלוטין רעזיגנירט פון אַלע לעבנס־אויפגאַבן, אַלע וועגן, וואָס פירן צו דער געמיינזאַמקייט האָט ער אויפגעריסן, נאָר איין וועג איז פאַר אים געבליבן פריי — דער סימבאָלישער זעלבסטמאָרד. „דער פסיכאָז איז אין טיפערן זין אַ זעלבסטמאָרד עקוויוואַלענט" (אַדלער).

צו די פסיכאָזן געהערן: די פאַראַנאָיאַ, די מאַנישע־דעפּרעס־יע, די נאַרקאָטאָמאַניען און די שיזאָפרעניע*).

„פאַר דעם פאַראַנאָיקער דערשיינט די גאַנצע וועלט ווי עפּעס אַן אַטענטאַט־אָרגאַניזאַציע אויף זיין לעבן. אים דאַכט זיך אויס, אַז ער איז דער צענטער פון דער וועלט, אַלע זענען אים מקנא, אַלע האָבן אים פיינט. דער נייראָטישער עגאָצענטריזם וואַקסט אין דער פאַראַנאָיאַ אויס ריזן־גרויס. ער טראָגט זיך אַרום מיט זיין „גאָט־ענלעכקייט־אידעאַל" אין לעבן.

די מאַנישע דעפּרעסיע געהער צו די אַפעקט־פסיכאָזן, ווי די אָנפאַלן פון טרויער און הייטערקייט טרעטן אויף רעגלמעסיק איי־נע נאָך דער אַנדערער אין קורצע אינטערוואַלן. די מאַניע איז כאַ־ראַקטעריסטיש דורך איר הייטערקייט און דראַנג צו באַוועגונגען. די געדאַנקען־אַסאָציאַציעס לויפן ביי דעם מאַניקער מיט אַ קאָפּ־

---

*) די טענדענץ פון דער פסיכאָטעראַפּיע אין די לעצטע צייטן אַלע פסיכאָזן אַרונטערצונעמען אונטער דעם בשותפתדיקן נאָמען: שיזאָפרעניע איז ווייט נאָך נישט דאָס לעצטע וואָרט.

שווינדלערישער שנעלקייט, איין געדאַנק פאַרט אַריין אין צווייטן. קיין איין זאַץ ענדיקט ער נישט, ווי עס ברויכט צו זיין. די מאַניע איז אַ שפרונג אין דער קעגנזעצלעכקייט. זי וויל אויפלייזן דעם מענטש פון דער טרייסטלאָזער מוטלאָזיקייט דורך הייטערקייט, טעראַפּישע דערפאָלגן ווערן דערגרייכט, ווען עס געלינגט אַריינצולאָקן די מאַניע אין אַ דעפּרעסיוון צושטאַנד.

אין דער שיזאָפרעניע קומט פאָר אַ צעפאַלונגס־פּראָצעס פון דער פערזענלעכקייט, דער שיזאָפרעניקער רעדט אין אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, ענלעך צו דער שפּראַך פון חלום. למשל, אַ קראַנקער זאָגט: „איך בין שווייץ". דער „זין" פון דעם דאָזיקן אומזין איז: „די שווייץ איז פריי אַזוי וויל איך אויך פריי זיין". דער שיזאָפרעניקער ציט זיך לגמרי צוריק פון דער אויסערלעכער וועלט.

די שטרייט־פראַגע, צי פּסיכאָז איז איינגעבוירן אָדער דערוואָרבן איז פון אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט נישט וויכטיק. זי שטייט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די היילונג באַדאַרף גיין אויף דער ליניע, גלייך ווי די גייסטיקע קראַנקייטן וואָלטן געווען נישט איינגעבוירן, נאָר דערוואָרבן (פיקציאָנאַליזם). נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט איז מעגלעך עפּעס אויפצוטון אויפן געביט פון פּסיכאָזן ־ טעראַפּיע. דאָס ערגסטע איז, אַז מען פּסקנט אָפּ: מען קען נישט העלפן, „במשך פון דער באַהאַנדלונג וועט זיך שוין אַרויסווייזן, וואָס איז איינגעבוירן און וואָס איז דערוואָרבן" (זייף). ווי לאַנג די טיר צו דער געמיינזאַמקייט איז נאָך אינגאַנצן נישט פאַרמאַכט, איז דאָ אַ האָפענונג צו געפינען דעם פאַרלוירענעם ניגון און אים געבן זיין תיקון.

## דער וועג אין דער געמיינזאַמקייט

(דערציונג, הייל ־ פעדאַגאָגיק, פסיכאָטעראַפּיע)

בײַם סוף פון וועג קערן מיר זיך צוריק אום צו די ערשטע פּוס־טריט. בײַם אַקאָמפּאַניאַמענט פון די ערשטע וויגליד־קלאַנגען זענען מיר אַרויס נאָכשפּירן די אַנטוויקלונגס־ליניע פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, אויפכאַפּן דעם לעבנס־ניגון פון אינדיווּיד. איצט קערן מיר זיך צוריק אום צו דער קינדהייט. אמת, אונזער בליק איז תמיד געפאַלן אויף דער שאָטנדיקער זייט. אויף אונזער געזיכט־פעלד האָבן על־פּי־רוב דעפילירט די מינוס־וואַריאַנטן פון מענטשלעכן מין: נייראָטיקער, גייסטיק־קראַנקע, פאַרברעכער. מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דער נייראָז, איז דער הויפּט־קוואַל פונוואַנען די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע האָט געשעפּט כּללים, רעגלען און געזעצן צו דערקענען דאָס פּסיכישע לעבן. ערשט בײַ דער שטודיע פון פּאַטאָלאָגישן אָרגאַן דערגייט מען די פונקציע פון געזונטן. און צוריקגעשמועסט: דער אונטערשיד צווישן פּלוס־וואַריאַנט און מינוס־וואַריאַנט איז נישט אַזוי גרויס. דער חילוק ליגט נאָר אין דער איבערווינדונג פון די לעבנס־שוועריקייטן. איינער האָט גובר געווען די שוועריקייטן און דער צווייטער נישט — דאָס איז אַלץ.

### ו. ד ע ר צ י ו נ ג.

אונזער וועג אויף צוריק איז די קינדהייט אין דער תקופה, ווען עס דערהערן זיך די ערשטע האַמער־קלעפּ, וועלכע הייבן אָן אויסצוקאָווען און אויסצושמידן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער, ווען

עס הויבן אָן אַריינצוריזלען אין דער קינדישער נשמה די ערשטע איינפלוס ־ שטראָמען פון דער אויסערלעכער וועלט. דער גרעסטער איינפלוס־פאַקטאָר איז די פּלאַנמעסיקע דערציונג. שוין די בלויזע אומגעבונג פון דערוואַקסענע, ווו דאָס קינד געפינט זיך, ווירקט דערציעריש. די סביבה באַאיינפלוסט פעדאַגאָגיש הן אין פּאָזיטיוון, הן אין נעגאַטיוון זין, אַפילו דאַמאָלס, ווען זי האָט נישט קיין שום פעדאַגאָגיש ־ דערציערישע כוונות.

דאָס, וואָס פעלט אַממיינסטן די היינטיקע דערציונגס־מע־טאָדן, איז דער גלויבן, אַז מען קאָן דורך ריכטיקער באַאיינפלוסונג ענדערן און אויסבעסערן די „איינגעבוירענע" פעלערן פון קינד. דער מקור פון דעם דאָזיקן דערציערישן סקעפּטיציזם איז די פאַלשע הנחה, אַז דערציונג הויבט זיך אָן ערשט אין אַ געוויסן עלטער, אַז דאָס קינד קאָן מען דערציעריש באַאיינפלוסן ערשט דאַן, ווען עס הויבט אָן אַרויסווייזן סמנים פון פאַרנונפט. אָבער דריי מאָל ניין! די סדרה דערציונג הויבט זיך שוין אָן אין ערשטן לעבנס־טאָג. די ערשטע דערציערישע אויפגאַבן זענען: צוגעוויינען דאָס קינד צו רעגלמעסיקע מאָלצייטן, אויסלערנען קאָנסומירן נישט־אַנגענעמע געפילן, ווי הונגער און נאַסקייט. די צוגרייטונג צום לעבן הויבט זיך אָן באַלד פון ערשטן לעבנס־טאָג. מען מוז געדענקען, אַז די ערשטע דערציערישע פעלערן זענען די שווערסטע. דער ערשטער דערציערישער דורכפאַל פון אַ מוטער ביים דערנערן דאָס קינד איז כמעט אַ דורכפאַל אויף דער גאַנצער ליניע. דער ערשטער געלונגענער פּרווו פון קינד צו אומפינאַליזירן די ביאָלאָגישע פונקציע פון עסן שלעפּט נאָך זיך אַ גאַנצע רייע אומפינאַליזירונגען. יעדע אומפינאַליזירונג, ווי מיר ווייסן, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ שוץ־וואַל קעגן דער געמיינזאַמקייט.

דאָס מזון עלטערן און דערציער זיך נעמען אין זינען אַריין, אַז דער דערציונגס־אידעאַל איז נישט אַ פּאָר דעקאָ אויף דער וואָג, נאָר מוט, זעלבסטשטענדיקייט, לעבנס־פעיקייט. אַ גראַם מוט וועגט איבער אַ שיינע פּאָר קילאָ מענטשן־פלייש. וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס מען האָט אויפגעהאָדעוועט אַ יונג, ווי אַ בריטאָן אָבער אַ לעבנס ־ לאָ ־ יצלח. גלייכער אַ שוואַכינקן אַ

מוטיקן, אַ לעבנס - פעיקן איידער אַ געזונטן,אַ קרעפטיקן אַ נעבן־מענטש.

מאַמעס קומען מיט טרערן אין די אויגן: „כ'האָב מיין יונג עופעלע געלאָזט אויסהונגערן אַ גאַנצן תמוזדיקן טאָג און עס האָט גאָר נישט געפועלט".— „אַביסעלע צו שפעט מאַדאַם! איר האָט אַ „קאַפיטשקע" צו־לאַנג געוואַרט. דער עס־שטרייק איז שוין ביים קינד צו טיף איינגעוואָרצלט, און איר ווילט מיט איין תענית אַלץ אויסהיילן, אַזוי לייכט גייט עס נישט".

די אָנהענגער פון דער שטרענגער אויטאָריטעטס־דערציונג האָבן אויפגעהאָדעוועט אַ מין געהאָרכזאַמקייטס־אידעאַל, זיי האַלטן, אַז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן צו פאָלגן טאַטע־מאַמע. דער מענטש איז אָבער נישט געבוירן געוואָרן צו זיין אַ געהאָרכ־זאַמער קנעכט. ער האָט, דאַכט זיך, אַ חוץ פאָלגן טאַטע־מאַמע נאָך עפעס מתקן צו זיין אויף דער וועלט. מוטיק זיין, גרייט זיין צו מעשים און טאָטן, פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל דאָס זענען די אידעאַלן, וועלכע דאַרפן שוועבן פאַר די אויגן פון יעדן דערציער.

די פירות פון דער געלונגענער שטרענגער דערציונג איז דאָס „מוסטער־קינד", דער באַקאַנטער לעבנס־נודניק און די פאַרעווע דורכשניטלעכקייט, די „לעבנס־חכמה", אַז אַלץ קאָן מען דער־גרייכן דורך געהאָרכזאַמקייט, דורך פאָלגן טאַטע־מאַמע, לערער, פירט צו טעמפקייט און באַגרענעצטקייט. כדי צו דערגרייכן אויס־צייכענונגען אין דער שולע, דאַרף מען גאָר נישט דענקען זעלבסט־שטענדיק, נאָר טון, וואָס דער לערער הייסט, אויסלערנען אויף אויסוווייניק יעדעס מינדסטע וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון לערערס־מויל. פון לעזן ביכער, באַזוכן טעאַטער, זעלבסט־בילדונג האַלט דאָס מוסטער - קינד קנאַפּ, ווייל דאָס פאַרלאַנגט נישט דער לערער.

צו דעם איינציקן, צו וואָס די מוסטער־קינדער, ווען זיי ווערן עלטער, זענען פעיק, איז צו טראָגן די פערטלדיקע, שוואַרצע באַ־אַמטן־אַרבעט. וואָלטן זיי כאָטש געווען באמת גוטע באַאַמטע? זיי זענען די טרעגער פון דעם ערגסטן מין ביוראָקראַטיע, זיי זענען פויל צו דענקען, און האָבן מורא פאַר יעדן שאָטן פון אחריות. אָן דער העכערער אינסטאַנץ טונקט מען די פעדער נישט איין. זיי

טוען נישט דאָס, וואָס דער שכל דיקטירט, נישט דאָס, וואָס איז נויטיק און צוועקמעסיק פאַרן ענין, נאָר זיי האַלטן זיך תמיד ביים טויטן אות פון די פאַרשריפטן. צי פילן זיך אַזעלכע מענטשן גליק־לעך? דאַכט זיך, אַז ניין. אמת זיי לעבן זיך רויק, אָן אַנטוישונגען, אָן מיסדערפאָלגן. מען זיצט זיך שלוהדיק אויף דעם אויסגעריבענעם באַאַמטן־בענקעלע. אָבער גליק—מאן דכר שמיה?! דאָס איז, וואָס זיי קענען קיינמאָל נישט פילן און איבערלעבן איז יענץ ווירקלעכע גרויסע גליק, וואָס דערפאָלג אין דער אייגענער אַרבעט און שעפע־רישקייט גיט. יענץ פריידיקע געפיל, אַז מען האָט אין לעבן עפּעס אויפגעטון, געשאַפן, איז זיי לגמרי פרעמד, זייער פאַרעווע לעבן איז צונויפגעבונדן מיטן באַאַמטן־בענקעלע. ווערט מען אָבער דורך אַ צופאַל אַרויסגעוואָרפן פון דער רייע איז אַ סוף צו אַלעמען. אָן פעיקייט צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק, אָן ווירקלעכע פריינט (דער, וואָס טוט נישט מער, ווי זיין פליכט, האָט זעלטן פריינט) איז מען נישט בכוח אויפצובויען אַ ניי לעבן און מען ווערט אַ שפּיל־באַלעם פון טיראַנישן שיקזאַל.

אויך די פירות, וואָס די פאַרצערטלטע קעגנזעצלעכע דערציונג גיט אַרויס, זענען אויך נישט מן־המבחר, די דערציונג איז „וואַטע" פאַרשטאָפּט דעם זין פאַר דער רעאַלער ווירקלעכקייט. מען לערנט זיך אויס אַלץ צו טון מיט פרעמדע הענט, מען איז געוווינט אַלץ צו באַקומען במתנה. פּראָטעקציע איז דער אויסגעטראָטענער וועג פון די קינדער, וועלכער האָבן באַקומען אַ פאַרצערטלטע דערציונג.

אַ פאַלשע דערציונג איז די, וועלכע שטאָט אָפּצושוואַכן דעם קינדישן טראָץ, צערייצט זי אים נאָך מער. די הייליקע עובדא פון טאַדלען און דערמאָנען אין דער דערציונג, איז נישט מער, ווי דעם קינד געבן צו פילן זיין אומפעיקייט און מינדערווערטיקייט. דורך טאַדלען איז נאָך קיינמאָל נישט געלונגען אָפּצוגעווינען אַ קינד פון אַ געוויסן פעלער. דאַכט זיך, פאַרקערט. מען קאָן גאַנץ גוט דאָס קינד אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ פעלער און דערביי נישט טאַד־לען. דער אופן איז פשוט: דורכן אונטערשיידן דאָס גוטע פון דעם שלעכטן. האָט למשל, אַ קינד אַ מיאוסע האַנט־שריפט, איז גליי־כער, איידער צו טאַדלען זיין מיאוסע שריפט, וועלכע איז אים

גאַנץ גוט באַקאַנט, צו ווייזן ווי גוט אים איז געלונגען אויפצו־שרייבן דאָס וואָרט, אָדער יענץ אות. באַנוצנדיק די דאָזיקע מעטאָדע, וועט דאָס קינד זיכער האָבן בולט פאַר די אויגן דעם אונטער־שיד צווישן מיאוסער און שיינער שריפט. נאָר פאַרדינען וועלן מיר דערביי זייער פיל! מיר אַנטמוטיקן נישט דאָס קינד און מיר געבן אים צו גלויבן אין דעם כּוח פון די אייגענע לייסטונגען, אויב עס וויל, קאָן עס אויך שיין שרייבן.

אומעטום מוזן מיר לאָזן דאָס קינד פילן די קאָנסעקווענצן פון זיינע מעשים, אַפילו ווען זיי זענען ביטער און אומאָנגענעם. צו דעם האָבן מיר קיין עצה נישט, דאָס לעבן גיט נישט בלויז צו פאַרזוכן זיסקייטן. מאַכט אַ קינד אַ שאָדן אין שטוב, מוז עס פילן די לאָגישע קאָנסעקווענצן. דער שאָדן מוז באַצאָלט ווערן פון קינדס־טאַש. מען שלאָגט אָפּ פון טאַשן־געלט. אָבער בייז דאַרף מען נישט זיין אויפן קינד.

אַ קינד מאַכט אַ שעלמיש שטיקל אין שטוב, איז דער בעסטער אויסוועג צו פאַרלאָזן דאָס צימער. אַי, דאָס קינד בלייבט אַליין און לאַנגווייליקט זיך, איז נישט אונזער שולד. אַ גרונט בייז צו זיין איז דאָ, ווען אַ קינד גרייפט אָן און באַליידיקט. אָבער אויך דאַמאָלס באַדאַרף מען נישט אַרויסווייזן, אַז מען איז שטאַר־קער פון אים, דאָס ווייס ער אַליין גאַנץ גוט. אָבער וויסן מוז דאָס קינד, אַז אויב מען טרעט אַרויס אַגרעסיוו קעגן אַ מיט־מענטש, מוז מען ליידן די קאָנסעקווענצן. אָבער דאָס פאַרזוכן דעם טעם פון קאָנסעקווענצן באַדאַרף נישט דערלאַנגט ווערן אין אַ פאָרם פון מוסר־זאָגעריי, אָדער נקמה. די אַלע נישט־ריכטיקע פאָרמען זענען עלול צו פאַרמינערן דאָס פאַראַנטוואָרטלעכ־קייטס־געפיל פון קינד, און דאָס ערגסטע איז, אַז דאָס קינד לערנט גאָר נישט דערפון. עס פילט נאָר די שטראָף־בייטש און עס ווייס גאָרנישט, אַז מען מוז טראָגן די שולד פאַר שלעכטע מעשים.

די אמתדיקע דערציונג פאָדערט, אַז מען זאָל כּסדר נאָכ־דענקען און אַריינטראַכטן. דערציען אָן נאָכדענקען איז אַ זאַך פון דער אוממעגלעכקייט. דער אַרגומענט, אַז אויף צופיל אַריינ־טראַכטן איז נישטאָ קיין צייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן, איז מער ווי

לעכערלעך. ווייניק דערציער גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, וויפל צייט און ענערגיע גייען לאיבוד דורך דער פאַלשער דערציונג. אָבער, כּדי צו קענען נאָכדענקען און אַריינטראַכטן, מוז זיך דער דערציער אויסלערנען צו קאָנען רויק צוקוקן זיך צו דעם קינד, היינטצוטאָג ליידן ס׳רוב דערציער פון דער מורא חס־ושלום נישט צו פאַרשפּעטיקן, נישט צו פאַרזאַמען. מען מוז קאָנען רויק זיך צוקוקן, ווי דאָס קינד מאַכט אַ פעלער, מען מוז נישט תיכף איני־טערווענירן און אונטערנעמען אַן אַקציע. איין זאַך איז קלאָר: אַז מיט בחפזונדיקע האַנדלונגען פאַרשטאַרקט מען נאָך דעם קינ־דישן טראָץ, וועלכער איז דער אייגנטלעכער מקור פון אַלע קינ־דישע אוממאַרטיקייטן און פעלערן.

אַ גרויסער עיקר אין דער דערציונג איז לערנען דאָס קינד מוטיק־זיין. פיל עלטערן און דערציער אַנטווערטן און אַנטמוטיקן דאָס קינד, כּדי אַזוי אַרום צו פאַרשלייערן די חרפּה פון זייער אייגענער דערציערישער לאָ־יוצלחדיקייט.

אַ זעקס ־ יעריק ייִנגעלע בויט אויף אַ הויז פון קלעצלעך. ער איז שטאָלץ אויף זיין אַרבעט, און פּלוצלים באַווייזט זיך די מוטער, קוקט זיך צו צו זיין אַרבעט און רופט אויס: „דאָס קלעצל פּאַסט נישט אַריין, מאַך זיך נישט נאַריש. איך, אַלס קינד, האָב זיך נישט אַזוי נאַריש געשפּילט״. אַ צווייטע מוטער: „וואָס איז דאָס פאַראַ הויז, עס האָט קיין דאַך, קיין פענסטער? ביסט שוין ברוך־השם אַ זעקס־יעריק ייִנגל און דו קאָנסט נישט אויסבויען קיין הויז פון קלעצלעך, ווי עס ברויכט צו זיין״, אָדער אַ קינד ברענגט אַהיים אַ שול־צייגניש און דוקא נישט פון די ערגסטע. דער פאָטער וואַרפט אַ בליק און גיט אַ פאַרקנייטש דעם שטערן: „גאָר נישט וואַזשנע״, אָדער: „מיט אַזאַ שול־צייגניש וואָלט איך זיך געשעמט צו ווייזן פאַר מיין טאַטן, ווילסט מיר, אַפּנים, קיין נחת נישט אָנטון״ (אידאַ לעווי).

די אַלע פאָטערס און מוטערס טוען נישט עפּעס אַנדערש, ווי רויבן צו דעם קינד דאָס ביסל מוט, וואָס עס פאַרמאָגט נאָך. די מוטערס פאַרשטייען נישט, אַז דאָס שפּיל מיט די קלעצלעך איז פאַרן קינד אַן ערנסטער ענין, און די שול־צייגניש פאַר סך־

הכלט אין זיך אַ יאָר שווערע, מיזאַמע שול־אַרבעט. די עלטערן ווילן נישט פאַרשטיין, אַז זייערע יינגערע קינדער זענען פון ריין־מענטשלעכן שטאַנדפונקט מער ווערטפול ווי זיי, ווייל די קינדער זענען נאָך נישט אַזוי אַנטמוטיקט ווי זיי.

געלעגנהייטן איינצופלאַנצן דעם קינד מוט פעלן נישט, דאָס לעבן גופא רוקט זיי אונטער מיט אַ רחבותדיקער האַנט. שוין דאָס גיין־לערנען איז מסוגל צו פאַרשטאַרקערן דעם קינדס מוט. דאָס בעסטע מיטל, ווי אַזוי איינצופלאַנצן מוט דעם עלטערן קינד, זענען קערפערלעכע איבונגען, טורנען, לויפן, שפרינגען, איבער־הויפט שווימען. בשעתן שווימען אין וואַסער איבערלעבט דאָס קינד די געפילן פון לעבנס־געפאַר, אומזיכערקייט. עס קומט אין באַרירונג מיט דער ברויזנדיקער פליסיקער מאַטעריע, וועלכע מען מוז באַזיגן, כדי צו קענען שווימען. „אַ קינד, וואָס לויפט פריידיק אין וואַסער אַריין, וועט קאָנען לייכט בייקומען אויך אַנדערע לעבנס ־ מכשולים און שוועריקייטן" (וועקסבערג).

ביים אומגיין מיט קינדער באַדאַרף מען שטעלן דעם טראָפּ נישט אויף דער סיבה, נאָר אויפן ציל. נישט דער „פאַרוואָס"? איז דער עיקר, דער „צוואָס?", אויב מען קען דעם ציל פון קינד, פאַרשטייט מען, ווי עס וועט זיך פאַרהאַלטן אין געוויסע סיטור־אַציעס. למשל: אַ קינד לויפט צו צום פענצטער מיט אַ וואַזע אין דער האַנט און שרייט: „איך גיי די וואַזע אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער", דער ענטפער באַדאַרף זיין אַ רואיקער: „טו ווי דו ווילסט". אמת, דער ענטפער האָט מיט דער לאָגישער קאַוזאַלי־טעט קיין שייכות נישט. אונזער ענטפער האָט אַ זין און איז פאַר־שטענדלעך נאָר דאַמאָלס, ווען מיר ווייסן, (מיר קענען דעם ציל), אַז דאָס קינד וויל דורך טראָץ אונז טעראָריזירן. מיט אונזער ענטפער גיבן מיר אים אָנצוגעהערן, אַז מיר קענען זיין מיין, פאַר אונז איז קלאָר זיין ציל, און מיר ווילן בשום־אופן נישט איינ־גיין אויף אַזעלכע שטיקלעך. מיר וועלן זיך נישט אָפּשרעקן. אַזעל־כע תשובות זענען נאָר מעגלעך, ווען מיר קענען דעם קינדס ציל און מיר זענען איבערצייגט, אַז עס וועט די וואַזע סוף־כל־סוף נישט אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער. (רות קינגעל).

אומאַרטיקייטן, לאַבוזאַוואַטע שטיקלעך איז גלייך צו פאַר־וואַנדלען אין שפּיל, אין טורן־איבונגען. האָט אַ קינד אַ טבע צו ליגן אויף דער פּאַדלאָגע און מען קאָן עס דערפון בשום־אופן נישט אָפּגעוויינען, אין אַזאַ פאַל איז דאָס גלייכסטע דעם אוממאַכט צו פאַרוואַנדלען אין טורן־איבונגען, און מיר זאָגן צום קליינעם: ,,גיב אַ טראַכט צו אַ פאַרטל, ווי אַזוי מען קאָן זיך פון דער פּאַד־לאָגע אַמשנעלסטן אויפהויבן". דאָס זעלבע מאַכט מען, כּדי אָפּ־צוגעוויינען די קינדער, וואָס האָבן אַ טבע צו זיצן אויף די טישן, ,,ווי אַזוי קאָן מען אַמשנעלסטן אַרויף און אַראָפּ פון טיש". אַזוי אַרום ווערן די זאַכן אָן דעם רייץ פון אומאַרטיקייטן און ווערן מגולגל אין נוצלעכע איבונגען, און צום סוף רעזיגנירט דאָס קינד פון די אומאַרטיקייטן.

אָן אויסגעפּרוּווט מיטל אין דער דערציונג איז די נאָכאַמונג: אומאַרטיקייטן קאָנען לייכט אויסגעוואָרצלט ווערן דורך דער נאָכ־אַמונג, אויך גוטע רעזולטאַטן ברענגען דאָס אַריינפאַלן אין עקסטרעם. טון עפּעס אַנדערש, ווי דאָס קינד האָט דערוואַרט אין געווויסע סיטואַציעס. 1) מיר טוען גאָרנישט, מיר בלייבן פּאַסיוו, און דאָס קינד בלייבט פאַרפּלעפט. 2) מיר טוען דאָס זעלבע, וואָס דאָס קינד. מיר ווייזן זיין שפּיגל־בילד. 3) אָדער מיר טוען דאָס קעגנטייל. דער קאָנטראַסט ווירקט און ברענגט גוטע רעזולטאַטן (אידאַ לעווי).

דאָס מוזן זיך אַלע דערציער נעמען אין זינען אַריין: נישט צו וואַרפן די שולד אויפן קינד פאַר די נעגאַטיווע דערציונגס־דער־גרייכונגען און נישט מאַכן עס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דערציע־רישע מיסדערפאָלגן, נאָר באַשולדיקן זיך אַליין. באַטראַכט דאָס קינד נישט בלויז ווי אַן אָביעקט, ווייל עס איז גלייכצייטיק אויך סוביעקט. פאַרגעס נישט, אַז דער ציל פון דער דערציונג איז: מאַכן די קינדער פאַר גוטע מיטשפּילער אין לעבן, פאַר געזעלשאַפטס־פעיקע מענטשן.

איינס פון די אָנגעווייטיקטסטע פּראָבלעמען פון דער היינטי־קער דערציונג איז דאָס, וואָס די, וועלכע באַקומען אַזאַ פעלערהאַפ־טע נייראָטישע דערציונג, וועלן שפּעטער, דערציענדיק זייערע איי־

גענע קינדער, איבערחזרן די זעלבע פעלערן, וואָס זייערע נייראָ־טישע עלטערן זענען באַגאַנגען לגבי זיי — און אַזוי „חוזר־חלילה״ — אַ נייער דור נייראָטיקער, נייע מחנות פון נעבעך־מענטשן. אַדלערס רוף „דערציען די דערציער״ איז דער אויסדרוק פון דער צייט־נויט.

ו). הייל ־ פעדאַגאָגיק.

די הייל פעדאַגאָגיק איז די פסיכאָטעראַפּיע פון די קינדער נייראָזן. די פעלער, וואָס מיר טרעפן ביי קינדער, ווי שטאַמלען, זורין־לאָזן אין בעט, נעגל־בייסן, גאָגן די פינגער, בויערן אין דער נאָז, נאַכט אויפשרייען pavor nocturnus פינטלען מיט די אויגן געהערן אייגנטלעך צו די קינדער ־ נייראָזן. די דאָזיקע אומאַרטן זענען נישט עפעס אַנדערש ווי נייראָטישע סימפּטאָ־מען, וועלכע זענען אַ פועל־יוצא פון אַ פאַלשער און אַ שלעכטער קאָמפּענסירונג פון דעם מינדערווערטיקייטס־געפיל און באַשווערן פאַרן קינד דעם אַריינטריט אין דער געמיינזאַמקייט.

די אויפגאַבן פון דער הייל־פעדאַגאָגיק זענען צו באַזייטיקן די קינדישע פעלערן און אַרויסצורייסן די לעצטע וואָרצלען פון קינדישן פּאַראַזיטיזם, וועלכע האָבן אויפסנייַ אָנגעהויבן זיך פּר־נאַנדערוואַקסן אויפן באָדן פון דער פעלערהאַפטער דערציונג.

דער היילונגס־פּראָצעס גייט לפי־ערך אַזוי צו: די מוטער מיטן קינד קומען אין הייל־פעדאַגאָגישן דערציונגס־ווינקל, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך געשולטע אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגן. די מוטער גיט דערקלערונגען אין קעגנוואַרט פון קינד, וועגן זיינע פעלערן און זיין פאַרהאַלטן זיך אין שטוב און אין דער שולע. דער־נאָך פאַרלאָזט די מוטער דאָס צימער, און דאָס קינד פאַרבלייבט מיטן באַראַטער און עס גייט אַוועק אַ שמועס צווישן קינד און באַ־ראַטער. די אויפגאַבע פון ערשטן שמועס איז: אָנצוקניפּן אַן ענגן קאָנטאַקט מיטן קינד, ווייל כמעט אַלע קינדער, וואָס קומען אין באַראַטונגס־ווינקל זענען מוטלאָז, און זייער קאָנטאַקט־פעיקייט מיט דער מיט ־ מענטשלעכקייט איז זייער שוואַך אַנטוויקלט. דער עיקר איז, אַז דאָס קינד זאָל פילן, אַז דער באַראַטער האָט אַ פּאַר־

שטענדעניש פאַר זיינע נויטן און ווייטאָקן און אַז עס איז פאַראַן אַ מענטש מיט וועמען מען קאָן אָפן, אָן שום דרוק שמועסן און אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן. שוין דאָס געפיל פון פאַרשטאַנען ווערן דורך אַ מענטש גיט צו דעם קינד מוט און מאַכט פאַרשווינדן די חושכדיקע כמאַרע פון דעם יונגן פנימל.

דער געשולטער באַראַטער געווינט שנעל דעם צוטרוי פון קינד און עס דערזעט אין אים אַ מיט־מענטש מיט אַ וואַרעמער האַנט. באַלד ביים ערשטן שמועס באַמיט זיך דער באַראַטער אויפצוקלערן דעם קינד דעם באַהאַלטענעם זין פון זיינע התנהגותן און אויפ־צודעקן די פאַרבאָרגענע מאָטיוון און צילן פון זיינע פעלערהאַפ־טע מעשים. אויב מען טרעפט אין פינטעלע אַריין און עס געלינגט דעם באַראַטער אויפצוכאַפּן דעם קינדס שפּראַך און לעבנס־ניגון, ווערט מען פשוט איבעררראַשט, ווי בליץ שנעל דאָס קליינע יאַטל איז תופס די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע עיקרים. זיי כאַפּן באַלד אויף די צוזאַמענהאַנגען און שייכותן צווישן זייערע מעשים און דעם פיקטיוון ציל. די קינדער האָבן מער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָ־גיש פאַרשטענדעניש פאַר די ענינים ווי די גרויסע.

נאָך דעם איבערלעבן דאָס געפיל פון פאַרשטאַנען ווערן דורך אַ צווייטן, ווערט, במשך פון דער באַהאַנדלונג געבוירן אַ צווייט וויכטיק איבערלעבניש: די באַפרייונג פון שולד־געפיל. דאָס קינד אַנטדעקט, נעמלעך, אַז די אַלע פעלערן און נישט אַרטיקייטן, צו־ליב וועלכע, ער פלעגט באַקומען געשלאָגן און איז באַשטראָפט געוואָרן, זענען גאָר אַ פועל־יוצא פון פאַלשע חשבונות, טעותים און נישט ריכטיקע אָפּשאַצונגען. דאָס קינד זעט איצט זיינע אומ־אַרטיקייטן און פעלערן אין אַן אַנדער ליכט און בטחון־פייערלעך הויבן אָן צו פינקלען אין די קינדישע אויגן. מיטן קאָפּ אין דער הייך קוקט זיך דאָס קינד דרייסט אַרום.

מיר האָבן דאָ נאָר באַשריבן אייניקע טעכנישע פּרטים פון דער הייל ־ פּעדאַגאָגישער פּראַקטיק, כדי דעם לעזער צו שאַפן כאָטש אַ קליין בילד, וועגן די היילונגס ־ און ווירקונגס ־ מעגלעכ־קייטן פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אויפן געביט פון פּסי־כאָטעראַפּיע פון די קינדער נייראָזן, גענויערס וועגן דער טעכניק

פון דער הייל־פּעדאַגאָגיק וועט דער לעזער געפינען אין דער ספּע־ציעלער ליטעראַטור בעיקר אין די אַרבעטן פון ד״ר איליצא פרידמאַן.

## III. פּסיכאָטעראַפּיע.

די הויפּט־צילן פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער פּסיכאָ־טעראַפּיע זענען: די קאָרעגירונג פון דער פאַלשער באַציונג צווישן דעם אינדיוויד און דער געמיינזאַמקייט און דאָס צוריקשטעלן דאָס צעשטערטע גלייכגעוויכט צווישן דעם סוביעקט און אָביעקט, דורך דעם אויפדעקן דעם קעגנזאַץ צווישן ווילן און קענען און צווישן ווילן און אוממעכטיקייט.

דער הויפּט־פאַקטאָר אין דער פּסיכאָטעראַפּיע איז די כסדר־דיקע דערמוטיקונג. „די אויסגלייכונג פון דער מוט־אינפילאַציע״ (זייף). דאָס קאָן אָבער נאָר דערגרייכט ווערן דורך זעלבסט־דער־קענטעניש. נאָר אַ מוטיקער מענטש קאָן אַנערקענען זיינע פעלערן און פאַרשטיין די אינערלעכע שייכותן צווישן זאַכן און איז בכוח אויפצוכאַפּן „די לאָגיק פון לעבן״. נאָר דער, וואָס האָט דערקענט זיינע פעלערן און לעבנס־טעותים, קאָן זיי איבערווינדן, איבער־ווינדן און מתקן זיין דעם טעותדיקן לעבנס־ציל הייסט: קאָנען טראָגן די קאָנסעקווענצן פון דער זעלבסט־דערקענטניש — זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

יעדן נייראָטיקער איז נישט שווער איבערצוצייגן, אַז זיינעליידן זענען נישט מער ווי אַ פּועל־יוצא פון לעבנס טעותים און פאַלשע צילן, אָבער די קאָנסעקווענצן, צו וועלכע די דאָזיקע אי־בערצייגונגען זענען מחייב — דאָס טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר זיינע לעבנס־פעלערן, וויל ער נישט אַנערקענען. דאָס מודה־במקצת־זיין איז דער שווערסטער פּונקט אין יעדער פּסיכאָ־טעראַפּיע.

אין דער ערשטער אַנאַליטישער פאַזע איז די הויפּט־אינדיקאַ־ציע פון דער פּסיכאָטעראַפּיע די קאָרעקטור פון דער פאַלשער לעבנס ־ אויפפאַסונג. דער דאָזיקער אַנאַליטישער טייל פון דער באַהאַנדלונג איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ מין פּראַקטישער אַריינ־

פיר אין דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע. די טעאָריע ווערט דעמאָנ־סטרירט אויף אַ לעבעדיקן אָביעקט. דאָס מאַטעריאַל, וואָס דער פּאַציענט ברענגט דעם אַנאַליטיקער, ווערט אינטערפּרעטירט אין אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישן זין. דורך דער אינטערפּרעטאַציע ווערט דער לעבנס־ניסוח, די לעבנס־ליניע פון נייראָטיקער בולטער, און ער הויבט אָן צו פאַרשטיין דעם זין פון זיינע סימפּטאָמען. ער הויבט זיך אַליין אָן צו דערקענען. בשעת דעם היילונגס־פּראָצעס אַנטדעקט יעדער פּאַציענט אויפסניי די אינדיווידואַלע פּסיכאָלאָגיע.

די צווייטע אַנאַליטישע פאַזע הויבט זיך אָן מיט דער אינטער־פּרעטאַציע פון די קינדהייטס־דערינערונגען און חלומות. זיי העלפן דאָס כאַראַקטער־בילד פון פּאַציענט צו פאַרפולקאָמען. די אינטערפּרעטאַציע פון די קינדהייטס־דערינערונגען העלפן אויפ־צודעקן די פאַלשע לעבנס־ליניע פון דעם קראַנקן און געבן אים די מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון זיין נשמה און פאַרלייכטערן אים דעם פּראָצעס פון דער זעלבסט־דערקענטעניש.

די טעכניק פון טרוימענדייטונג איז די פרוידישע. דער אונ־טערשיד צווישן דער פרוידישער און דער אַדלערישער חלומות־אויסטייטשונג ליגט נישט מער ווי אין דער אינטערפּרעטאַציע פון חלום. די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָט די פרוידישע ווונטש־דערפילונג פון חלום אינטערפּרעטירט אין דעם זין, אַז חלומות דריקן אויס האָפנונגען, ווונטשן, פּראָגנאָזן און געדאַנקען, וועלכע זענען נוגע די צוקונפט פון טרוימער. דער חלום ווייזט די צוקונפט און באַרעכנט פאָרויס די צוקונפטיקע מעגלעכקייטן און געפאַרן און קאָנקרעטיזירט די צוקונפטס־האָפנונגען. ס׳רוב חלומות זענען אַנטשיידונגס און פּרוווונגס טרוימען. דאָס, וואָס מיר דאַרפן צו פאַרווירקלעכן אין רעאַלן לעבן, און עס קומט אונז אָן שווער, פאַר־ווירקלעכן מיר עס סימבאָליש אין חלום.

פאַר דער פּסיכאָטעראַפּיע האָבן די חלומות אינטערפּרעטאַציע אַ גרויסע באַדייטונג. דורך געלונגענע און איבערצייגנדיקע חלום־אינטערפּרעטאַציעס ווערט דער פּאַציענט איבערצייגט, אַז עס זענען פאַראַן פּסיכישע דערשיינונגען, וועלכע אים דאַכט זיך אויס,

אַז זיי שטייען מחוץ פון זיין דענקען און ווילן, און דאָך ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז זיין פּאַראַנטוואָרטלעכער איך איז אין זיי מיט־באַטייליקט. דורך דעם לערנט זיך דער פּאַציענט אויס צו פּאַר־שטיין זיינע סימפּטאָמען, וועלכע זעען אויס אין זיינע אויגן אַזוי אומזיניק און נישט פאַרשטענדלעך, פונקט ווי זיינע חלום־בילדער.

דער חלום ווייזט דעם אַנאַליטיקער אין וועלכער ריכטונג דער פּאַציענט האָט בדעה צו לעזן זיינע אַקטועלע פּראָבלעמען. האָט מען גוט פאַרשטאַנען אַ חלום, וועט נישט זיין שווער צו פּראָגנאָסטי־צירן די שטעלונג פון קראַנקן לגבי זיינע אַקטועלע שוועריקייטן במשך פון דער נאָנטסטער צייט, ווייל די שטעלונג איז שוין אין חלום סקיצירט געוואָרן. דאָ מוז באַמערקט ווערן, אַז די פּראָגנאָ־סטישע אינטערפּרעטאַציע־מעטאָדע פון חלומות קאָן מען נאָר אָנ־ווענדן לגבי פּערזאָנען, וועלכע זענען אונז מער־ווייניקער באַקאַנט. די אינדיווידואַל ־ פּסיכאָלאָגיע אין איינקלאַנג מיט איר פינאַלי־סטישער אָנשויונג פּאַסט אויף דעם חלום פונקט, ווי אַלע אַנדערע כאַ־ראַקטער־אויסדרוקן, וועלכע זענען נאָר פאַרשטענדלעך אין צו־זאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער פּערזענלעכקייט. אינטערפּרעטירן אַ חלום נישט אין שייכות מיט דער טאָטאַלער פּערזענלעכקייט איז פאַרפירעריש.

וואָס איז שייך דעם אונטערבאַוווסטזיין, שפּילט ער אַ קנאַפּע ראָלע אין דער אינדיווידואַל ־ פּסיכאָלאָגיע. אַדלערס טעזע: „אַז דער אומבאַוווסטזיין ווערט וואַך, ווען עס אַנטשטייען שוועריג־קייטן", באַדאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זין: דאָס, וואָס די רעאַלע לעבנס־שוועריקייטן פאָדערן נישט, אַז עס זאָל ווערן באַ־ווּסט, בלייבט אומבאַוווסט אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, ווען די פּערזענלעכע פינאַליטעט פאַרלאַנגט נאָר, הויבן אָן אויפצוטויכן לאַנג־פאַרגעסענע דערינערונגען, און דאָס אומבאַוווסטע ווערט גלייך באַוווסט. „נישט אַלץ אין לעבן איז אומבאַוווסט. אָבער אויך נישט אַלץ איז באַוווסט" (אַדלער). דאָס אומבאַוווסטע איז דאָס, וואָס באַהאַלט זיך אויס פאַר דער פאַרנונפט פון דער געמיינזאַמ־קייט. דאָס אומבאַוווסטע, דאָס פאַרבאָרגענע ביי יעדן נייראָטיקער איז דאָס, וואָס איז געווענדט קעגן דער מיט־מענטשלעכקייט.

די דריטע, די לעצטע פאַזע פון דער אַנאַליטישער באַהאַנד־לונג איז די אויפלעזונג פון דער לאָגישער דיסאָנאַנץ, די פּראַקטי־שע דורכפירונג דורכן פאַציענט די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע עיקרים אין לעבן. עס איז נישט בלויז גענוג טעאָרעטיש מסכים צו זיין. מען מוז אויך קאָנען די טעאָריע פון פאַרווירקלעכן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. מען מוז קענען אויסמיידן דעם נישט־ריכטיקן וועג די פאַלשע לעבנס־ליניע און אָנהויבן פירן אַ ניי לעבן. די פאַזע איז די שווערסטע אין דער אַנאַליטישער באַהאַנדלונג. אויפן אַנאַ־ליטיקערס קאָפּ הויבן זיך אָן שיטן שטעכווערטלעך און בייזוויליקע קריטיק. דער פאַציענט באַמיט זיך מיט כל־הכּוחות צו דיסקרעדי־טירן דעם אַנאַליטיקער. ער הויבט אָן אויסצושפּילן דאָס אַלטע באַ־קאַנטע טראַץ־זמרל, פּונקט ווי אין דער קינדהייט ביי טאַטע־מאַמע. ער באַציט זיך צום אַנאַליטיקער ווי אַמאָל אין דער קינדהייט צו זיינע עלטערן. אין אמתן, איז די אַגרעסיוו־פיינטלעכע באַציונג פון פאַציענט צום אַנאַליטיקער מער נישט ווי אַ מיטל צו אַנטלויפן פון דער היילונג, ער ווערט זיך קעגן דעם געזונט־ווערן. יעדע פאַרענט־פערונג פון פאַציענט „איך קען נישט" הייסט גלייכצייטיק „איך וויל נישט". אמת, שווער איז צו פאַרלאָזן די אַלטע איינגעוואָרצל־טע רגילותן אין לעבנס־זיגזאַגן און שפּרייזן אויף אַ נייעם וועג, אָנהויבן אַלץ אויפסניי.

דער וועג איז אַ שווערער, אַ מיזאַמער, ער פירט אָבער אין געבענטשטן לאַנד — צו דער מענטשלעכער געמיינזאַמקייט.

## שלוס־וואָרט

דער לעזער האָט געוויס באַמערקט, אַז מיר האָבן זיך באַמיט אין אונזערע אויספירונגען אויסצומיידן יעדע קריטיק און פאָלע־מיק מיט די קעגנער פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, כאָטש אָפטמאָל איז עס געווען נוצלעך לטובת הענין. געוויסע אויספירונ־גען וואָלטן אין דעם ליכט פון דער פאָלעמיק אַרויסגעקומען בולטער, פאַרשטענדלעכער, מיר האָבן דאָס נישט געטון, נישט מחמת נעגאַציע און ביטול־באַציונג צו די קעגנערישע ריכטונגען פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל מיר

האַלטן, אַז די סעקסועלע טעאָריע איז פּונקט אַזוי ריכטיק אין גע־וויסע פונקטן, ווי די מאַכט־טעאָריע. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז סיי די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע און סיי דער פּסיכאָאַנאַליז זענען בעיקר: הייל־מעטאָדן, זייער ציל איז די נייראָזן־טעראַפּיע. ווי זאָגט פרויד: „די פּסיכאָטעראַפּיע פאַרמאָגט פיל מעטאָדן און וועגן, די אַלע זענען גוט און אמתדיקע, וועלכע פירן צום ציל".

צי דאָס אַלץ, וואָס די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָט אַנט־דעקט איז אַבסאָלוטער אמת? ווייס איך נישט. איינס איז אָבער קלאָר: אויב דער פּאַציענט איז איבערצייגט אין איר אמת, און זי האָט אים דערשיטערט און אים געוויזן דעם וועג צו דער היילונג, איז זי וואָר. בכלל, דאָס, וואָס מיר רופן אָן אַבסאָלוטער אמת, איז דאַכט זיך, גאָר נישט בנמצא. שוין דער מענטשלעכער שכל איז אַנטשטאַנען אַלס מיטל אין קאַמף פאַרן קיום, אַלס אויסדרוק פון דעם שטרעבן איבערצווינדן זיין נאַטירלעכע שוואַכקייט. פאַרנונפט און לאָגיק ווערן באַנוצט אַלס קאַמפס־מיטל. יעדער מענטש איז גרייט צו אַנערקענען, אויב זיי שטייען אין איינקלאַנג מיט זיין פּערזענלעכן ציל. יעדער מענטש פאַרמאָגט זיין „פּריוואַט־לאָגיק". ווער קאָן דאָס פעסטשטעלן, וועלכע פון די טעאָריעס זענען אמת און וועלכע זענען פאַלש.

עס איז נישטאָ מער באַנאַלערס, ווי די פאָרווורפן אַז די מאַכט־טעאָריע און די סעקסועלע טעאָריע זענען איינזייטיק, נישט אַלץ אין מענטש איז סעקסואַליזם, אָדער מאַכט־שטרעבן, טאָקע דער־פאַר, וואָס זיי זענען איינזייטיק, זענען זיי וויסנשאַפטלעכע טע־אָריעס. מיט די פילזייטיקייטס – דערקלערונגען, ווייסן מיר גאָר נישט ווי אָנצוהויבן.

מען וואַרפט פאָר דער אינדיווידואַל – פּסיכאָלאָגיע: אויבער־פלעכלעכקייט, איינזייטיקייט. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די פאָר־ווורפן הערט מען נאָר פון די, וואָס קענען זי אויבנאויפיק, אָבער די, וואָס קענען זי גוט און האָבן אין זיך איינגעזאַפּט איר גע־דאַנקען־הילוך, האָבן גאָר תּרעומות, אַז זי איז שווער, טיף, מען מוז איבער איר שוויצן.

וואָס איז שייך דעם פאָרוורף, אַז די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָ־

גיע איז אָרעם אין באַגריפן, איר גאַנץ גייסטיק קרעמל באַשטייט פון אַ צוויי דריי באַגריפן, די גאַנצע לערע דרייט זיך אַרום דעם געמיינשאַפטס - געפיל און דעם מינדערווערטיקייטס־געפיל. וואָס זאָל מען אָבער טון, אַז אַלע פונדאַמענטאַלע הויפּט־געזעצן זענען אין זייער וועזן איינפאַך. צי איז נישט ניוטאָנס גראַוויטאַציע־געזעץ פשוט, איינפאַך? אַלע באַוועגונגס־פאָרמען פון דער טויטער מאַטעריע פליסן אַרויס פון איין פאָרמולע. אַלץ ווערט צוגעפירט צו דעם איינציקן געזעץ. ערשט דאַן, ווען מען ווענדט אָן דאָס געזעץ צו אַ ווייטערן היקף פון דערשיינונגען, ווייזט זיך ערשט אַרויס זיין טיפקייט, קאָמפּליצירטקייט און דער עיקר: די אַלגעמיינגילטיקייט. דאָס נעמלעכע איז מיט דער לערע פון אַלפרעד אַדלער. איר טיפקייט, קאָמפּליצירטקייט און אַלגעמיינגילטיקייט אַנטפּלעקט זיך ערשט דאַן, ווען מיר ווענדן זי אָן צו אַלע פּסיכישע דערשיינונגען.

—

די אינדיווידואַל - פּסיכאָלאָגיע האָט פיל קעגנער. פאַר פיל מענטשן איז שווער צו אַקצעפּטירן דעם אינדיווידואַל - פּסיכאָלאָגישן געדאַנקען־גאַנג. טרויעריק, אָבער אמת: יעדער ווערט זיך קעגן דעם, וואָס שטייט נישט אין איינקלאַנג מיט זיין פּריוואַטער לאָגיק, מיט זיין לעבנס־פּלאַן.

פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל איז פאַרן היינטיקן קולטור־מענטש אַ צו־גרויסער באַלאַסט. אויף דער לערע, וואָס איר אַ און ת איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון מענטש, קוקט מען סקעפּטיש. די סקעפּטיקער באַנעמען זיך פונקט ווי די נייראָטישע פּאַציענטן, וועלכע זענען מוכן־ומזומן אַלץ צו אַקצעפּטירן, אַ חוץ די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַוודאי איז דאָס נישט קיין באַקוועמע זאַך. פיל באַקוועמער זענען די טעאָריעס, וואָס פּרעדיקן דעם דעטערמיניזם: אַז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אומגליקן און דורכפאַלן איז נישט דער מענטש גופא, נאָר די הערעדיטעט (ירושה), די אָרגאַנישע ענדערונגען אין נערוון־סיסטעם, די אויסערלעכע אומשטענדן, ווי מיליע און ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. דער מענטש, וואָס זוכט אַנטשולדיקונגען וועט זיי זיכער אומעטום געפינען.

די אידיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז אַ לעבנס־טעכניק. זי לערנט

אונז די קונסט פון לעבן. נאָר דער, ווייס זי אָפּצושאַצן, וועלכער האָט מיט דורשט געטרונקען פון איר קריסטאַל־ריינעם קוואַל.

דער שרייבער פון די שורות האָט איר פיל צו פאַרדאַנקען, זי האָט אים אַרויסגעהאָלפן פון גייסטיקע נויטן. אין די מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג האָט זי צו אים געשעפטשעט: גלויב! און האָט צו אים געלויכטן מיט מוט־פייערלעך אויף דעם דאָרניקן לעבנס־וועג.

מיט מיין אָרעמער, באַשיידענער אַרבעט, באַצאָל איך איר אַ קליינעם טייל פון דעם חוב, וואָס איך בין איר שולדיק.

**אינדיווידואַל - פּסיכאָלאָגישע ליטעראַטור - פאַרצייכניש**

**Alfred Adler:** Praxis und Theorie der Individualpsychologie, 4 Auf. J. F. Bergmann, München 1930.

— Studie über Minderwertigkeit von Organen. 2 Auf. Bergmann, München 1928.

— Über den nervösen Charakter. 4 Auf. Bergmann, München 1928.

— Menschenkenntnis. 4 Auf. S. Hirzel. Leipzig 1930.

**Dr Rudolf Dreikurs:** Einführung in die Indiwidualpsycholgie. S. Hirzel. Leipzig.

**Handbuch der Indyvidualpsychologie.** Bergmann. München 1926.

Internationale Zeitschrift für Individualpsychologie. S. Hirzel. Leipzig.

**Dr A. Kronfeld:** Psychologik oder psychotherapeutische Erziehungslehre. In „Die Psychischen Heilmethoden". G. Thiema. Leipzig. 1927.

**Dr F. Künkel:** Charakter, Liebe und Ehe. Hirzel. Leipzig. 1932.

— Einführung in die Charakterkunde. Hirzel. Leipzig. 1928.

Dr Al. Neuer: Mut und Entmutigung. Bergmann. München. 1926.

Manes Sperber: Alfred Adler der Mensch und seine Lehre. Bergman. München. 1926.

ישראל טראַנק: אַלפרעד אַדלער. „גלאָבוס" נר. 8, וואַרשע 1931.

— גורל און קאָמפלעקס (מענסטרואַציע - קאָמפלעקס) „ליטעראַרישע בלעטער".

— סאָציאַליזם אַלס מאַסן - טעראַפּיע „אות" נר. 3, לאָדזש. 1937.

Dr E. Wexberg: Individualpsychologie. S. Hirzel. Leipzig. 1928.

— Das nervöse Kind. Moritz Perles. Wien. 1926.

— Einführung in die Psychologie des Geschlechtslebens. S. Hirzel. Leipzig. 1930.

— Arbeit und Gemeinschaft. S. Hirzel, Leipzig. 1928.

— Die individualpsychologische Behandlung. In „Die Psychischen Heilmethoden". Verlag G. Thieme, Leipzig. 1927.